№ 146 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאדזשער טאגעבלאט

22-טער יאהרגאנג. | 25 czerwca 1929 r. | דינסטאג, י"ז סיון תרפ"ט. | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47.

מורא'דיגע שרפה פון א יודיש שטעטעל

אפגעברענט געווארען דאס יודישע שטעטעל קומאוו.—170 הייזער אוועק מיט די פלאמען.— 400 מענשען וואלגערן זיך הינטער בלויזען הימעל.—די שטאטישע שוהל פערברענט געווארען

די טרויעריגע לאגע פון די נשרפים

ווארשא, 24 יוני (טעלעפ.) אין שטעטעל קומאוו אפאטאווער פאוויאט (קיעלצער וואיעוואדזטווע) איז פלוצלינג אויסגעבראכען א גרויסע שרפה. דאס פייער האט זיך מיט א געוואלדיגער גיכקייט פערשפרייט איבערן גאנצען שטעטעל און אין א קורצער צייט איז דאס גאנצע שטעטעל געשטאנען אין פלאמען. צווישען דער גאנצער בעפעלקערונג איז ענטשטאנען א מורא'דיגע מהומה. די איינוואוינער האבען נישט בעוויזען ארויסצוראטעווען זייער האב און גוטס און אלעס איז פערניכטעט געווארען דורך די אונברחמנות'דיגע פייער-צונגען.

בעזונדערס האט דאס פייער געבושעוועט אין די יודישע גאסען און יודישע פערמעגליכע בעלי-בתים זענען דורך איניגע שעה געווארען ארימע לייט. א שרעקליך בילד האט פארגעשטעלט ווען דאס פייער האט ארומגענומען דאס שטאטישע שוהל. יודען האבען זיך מיט א יללה נעווארפען אינ'ם ברענענדיגען בנין און זיך בעמיהט ארויסצוראטעווען די ספרים די שוהל איז אינגאנצען אפגעברענט געווארען.

דער רעזולטאט פון דער שרפה איז געווען א טרויעריגער. עס זענען אפגעברענט געווארען 170 הייזער 400 מענשען זענען געבליבען אהן א דאך איבער'ן קאפ.

די לאגע פון די נשרפים איז א שווערע

יודישע דעלעגאציע וועט גע'משפט ווערען פאר בעטען ביים סאוויעט פון שטעטעל בעסערע בעהאנדלונג פאר'ן רב.

מאסקווא (יט"א) א יודישע דעלעגאציע, וואס איז ערשינען אין דעם סאוויעט פון שטעטעל משארנאאסטראוו, פראסקוראווער קרייז, און געבעטען אז דער סאוויעט זאל בעהאנדלען בעסער דעם ארטיגען רב, וועט אויצט האבען אויף זיך א פראצעס, לויט דער בעשטימונג פון פראסקוראווער פראקוראר.

די דעלעגאציע האט פערלאנגט אין נאמען פון די יודען פון שטעטעל, אז מען זאל דעם רב געבען מעדיצינישע הילף אויפ'ן חשבון פון סאוויעט, אזוי ווי עס קרינגען די ארבייטער פון פראפ-פעראיינען. די דעלעגאציע האט דערביי אנגעוויזען, אז דער רב איז אויך נישט מעהר ווי אנ'ארבייטער, וואס איז אנגעשטעלט ביי קהל. עס איז ענטשטאנען א הייסער ווכוח צווישען די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע, און די פיהרער פון דעם שטעטעלדיגען סאוויעט. דער רעזולטאט פון וכוח איז, אז די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע וועלען אויצט פאר'ן געריכט זיך דארפען פערטיידיגען ווי זיי האבען געוואגט צו קומען צום סאוויעט מיט אזא פאדערונג.

דער לעצטער טאג פון דער רייזע פון מלוכה-פרעזידענט איבער וואהלין

ווארשא (טעלעפאניש) היינט ווערט ערווארט דאס צוריקקומען פון מלוכה-פרעזידענט פון זיין רייזע איבער וואהלין. היינט פארמיטאג האט נאך דער מלוכה-פרעזידענט פערברענגט אין קאוועל, פון וואנען ער איז נאכמיטאג צוריק ארויסגעפאהרען קיין ווארשא.

נייער שעף אין פראנצויזישען גענעראל-שטאב

פאריז (ספעציעל) אויפ'ן ארט פון אפטרעטענדען שעף פון פראנצויזישען גענעראל-שטאב, גענעראל דעבעני, איז אויף פוינלעווע'ס פארשלאג נאמינירט געווארען דער ביז-איצטיגער גענעראל-אינספעקטאר פון דער ארמעע גענעראל מארין.

קלארא צעטקין וויל נישט פאהרען קיין רוסלאנד

מאסקווא, (ספ.) די בערימטע קאמוניסטישע פיהרערין קלארא צעטקין, וועלכע געפינט זיך איצט אין דייטשלאנד, איז ארויסגערופען געווארען דורכ'ן קאמאינטערן צו שטעלען זיך פאר א פארטיי-געריכט אין מאסקווא. קלארא צעטקין האט זיך אפגעזאגט צו פאהרען קיין מאסקווא און צושטעלען זיך צום פארטיי-געריכט.

אמעריקאנער לויפען קיין אייראפא צוליב די גרויסע היצען

ניו-יארק, (ספ.) די היצען אין ניו-יארק פערגרעסערען זיך פון טאג צו טאג. זייט דעם יאהר 1871 זענען דא נאך נישט געווען אזעלכע היצען. די קרבנות פון זינען-שטיך זענען זעהר גרויס. צוליב די מורא'דיגע היצען האט זיך בעדייטענד פערשטארקט די טוריסטען-בעוועגונג קיין אייראפא. ווער עס האט געלד, לאזט זיך איצט ארויס אויף א רייזע קיין אייראפא.

מעלדונג פון טאפיצירער-מייסטער-פעראיין צו די מעבעל-מאגאזינערן און טישלער-מייסטער.

צוליב דעם וואס איהר האט נישט נאכגעגעבען ביז יעצט די פאדערונג פון 21/5 וועגען 25% קאסע און קורצטערמיניגע דעקונג, זענען מיר געצוואונגען פון היינט אן אפצושטעלען די ארבייט. די פערוואלטונג.

בעמערקונג: חברים טאפיצירער-מייסטער! איהר ווערט אויפגעפאדערט צו קומען אויף דער פערזאמלונג וואס קומט פאר מארגן מיטוואך דעם 26 יוני 7 אין אווענד אין לאקאל פאלודניאווא 4.

Do wynajęcia od zaraz
na ul. Pomorskiej 41,
2 mieszkania 2 pokojowe z kuchnią
1 „ 3 „ „
1 „ 4 „ „
z wszelkiemi wygodami oraz duże piwnice na składy. Informować się w Biurze ul. Trębacka 18 róg Cegielnianej 101 od 4—7-ej.

א סעקרעטאר ווערט געזוכט

די אנדזשעיעווער גמילת-חסדים-קאסע זוכט א פעהיגען מענש, ער זאל זיין בעקאנט אין פעראיינס-ארבייט אויך מוז ער בעזיצען בוכהאלטעריע און בכלל אנצופיהרען מיט דער ארבייט, געהאלט פון 80 ביז 100 גילדען א חודש אויף אנ'ארט צו שלאפען. זיך צו ווענדען אין אנדזשעיעוו צום ה' מאטעל פאריזער האלץ-פלאץ אבער צו ה' עוזר האמבורגער ביז דעם 30 יוני פון 9 פריה ביז 7 אין אווענד.

די פערוואלטונג פון אנדזשעיעווער הילפס-פעראיין גמילת חסדים.

לאפרושי מאיסורא

די יאטקע פון ישראל ליב גלאטער, פאלודניאווא № 12 איז אהגע מנקר און איז נישט בחזקת כשרות. לאדזשער ראבינאט.

אויפזיכטס-ראט און פערוואלטונג פון קאאפעראטיווען-באנק פון סוחרים און אינדוסטריעלער
אין לאדז מיט בעשרענקטע האפטונג,
קאמוניקירט, אז די צווייטע יעהרליכע
גענעראל-פערזאמלונג
קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 25-טען יוני 1929 7 אווענד אין לאקאל פון באנק ציגעל-גאס 39.
טאג-אורדנונג:
1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג דורכ'ן פרעזעס פון אויפזיכטס-ראט; 2) וואהלען פון א פרעזידיום; 3) פארלעזען פון פראטאקאל פון די לעצטע אלגעמיינע פערזאמלונג; 4) פארלעזען פון פראטאקאל פון אינספעקטאר פון די יודישע קאאפעראטיווע פערבאנדען אין פוילען; 5) בעריכט און בעשטעטיגונג פון בילאנס צוזאמען מיט די רווחים און פערלוסטען פאר'ן יאהר 1928; 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1929; 7) ענדערונג פון די §§ 3, 18, 19 און 27 פון סטאטוט; 8) וועגען מאנד אויף דעקען די ארגאניזאציאנס-קאסטען; 9) בעשטעטיגונג פון די העכסטע סומען פון די פערפליכטונגען, וועלכע די קאאפעראטיוו קען זיך בארגען; 10) בעשטעטיגונג פון גרעסטען קרעדיט, וועלכער קען בעשטימט ווערען פאר איין מיטגליד; 11) וואהלען פון דער באנק-מאכט, a) 2 מיטגל. פון דער פערוו. און 3 פערטרעטער b) אויפזיכטס-ראט.

Dr. L. PIKIELNY
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאזען, אורין-קראנקהייטען
Nawrot 8, telefon 19-90
נעהמט אן פון 7—4 אין אווענד ווי אויך אין דער פריה 2—12½, פון 3 ... אין לעטשניצע „Zdrowie"

Dr. med. Adam BENDER
האט זיך איבערגעצויגען אויף
נארוטאוויטשא 30 טעל. 14-75
ספעצ. פאר אינערליכע און הארץ-קראנקהייטען
נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג. 0085

Dr. med. Albert Gotlib
אקושער און ספעציאליסט פון פרויען-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 26, טעלעפ. 77-50
נעמט אן פון 8—10 און פון 4 ביז 7 אווענד.

אין קאנצעסיאנירטע רעכטסקאנסולענטען-ביורא פון דוד שפירא
לאדז, ווסכאדניא 44
ווערען ערלעדיגט קלויזולעס, פערזיכערונגען א. א. וו. אויף וועקסלען און אנדערע שולד. בעשייניגונגען ווי אויך אלע ביטאס, רעקורסען א. ד. גל. שרייבט געזעצמעסיג און ביליג.

Dr. med. A. Mazur
ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
ווסכאדניא 65
איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01

Dr. med. Roman Bornstein
Ciechocinek willa Ormuzd

Dr. med. Józef Imich
ספעציאל-ארצט פאר האלז, נאז, אויערן און קעהל קאפ-קראנקהייטען מאניושקי 1
Moniuszki 1, Tel. 9-97
צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 1 ביז 2 און פון 5 ביז 7 אין אווענד

Dr. med. J. BETTE
צוריקגעקעהרט
ספעציאליסט פאר אינערליכער און קינדער-קראנק
Piotrkowska 6, tel. 44-95
נעמט אן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אווענד

Doktór Mikołaj Bornstein
KRYNICA
willa „Belmont"

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייט
קאנסטאנטינער 9 טעלעפאן 27-81
שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7 נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 2 ביז 3 נאכמ.

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספעציאליסט פון ביינער און געלענקע-קראנקהייטען
ז—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. ז—:
איינגענע פראצאוניע
פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי וואלאדקעס געגען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

Dr. med. M. Heller
ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקע און מענער-שוואכע
נאווראט 2, טעל. 79-89
נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אווענד
פאר פרויען פון 4—5 נאכמ.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען.

Dr. med. H. Gutsztadt
ספעציאל-ארצט פאר אקושער און פרויען-קראנקה.
Zachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 29-52
נעמט אן פון 8 ביז 10 און פון 5 ביז 7 אווענד.

ד"ר לודוויג פאלק
נאווראט 7, טעל. 28-07.
ספעציאליסט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 נאכמ.

מארגען קומט פאר דער טשעכאוויטש פראצעס פאר'ן מלוכה-טריבונאל

מיניסטער סקלאדקאווסקי ספעציעל געקומען קיין ווארשא.—מארשאל פילסודסקי זאל זיין אויפ'ן פראצעס

פאר'ן בעניי'ען די ענגליש-סאוויעטישע דיפלאמאטישע בעציהונגען

וואַרשע, (פאַל) מאָרגען, מיטוואָך, דעם 26 ד. מ. הויבט זיך אָן אין מלוכה־טריבונאַל דער פּראָצעס געגען געוועזע־נעם פינאַנץ־מיניסטער טשעכאָוויטש. דער יעזיגער פּראָצעס האָט זיך אין פּאַלצען לאַנג אַרויסגעריסן א געוויסע אַרויסטערקעסונג. די בעראַטונגען פון מלוכה־טריבונאַל וועלען זיין עפענטליך. דער סדר פון די פערהאַנדלונגען איז בעשטימט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן: עס וועט קודם־כל אָרויסגעלעזען ווערען דער פאַרשלאַג פון סיים חעגען צוציהען דעם ג. פינאַנץ־מיניסטער צו פעראַנטוואָרטליכקייט. יער דאָזיגער פאַרשלאַג וואָס אַנטהאַלט 5 זייטען מאַשין שריפט, וועט פעטרעטען דעם בעשולדיגונגס־אַקט. נאָכדעם וועט דער מלוכה־טריבונאַל זיך ווענדען צום געוועזענעם מיניסטער טשעכאָוויטש מיט דער בקשה ער זאָל געבען אויפקלערונגען. שפּעטער וועלען אַלע עדות בעשוואוירען ווערען.

קיין איין עדות וועט נישט קענען זיך אָפּזאָגען פון געבען אויספיהרליכע תשובות פערופענדיג זיך דערביי אויף מלוכה־געהיימנישען. נאָך די ערקלערונגען פון די עדות וועלען אַלע דריי אַני־קלאַגער האַלטען זייערע רעדעס. נאָך דער רעדע פון פערטיידיגער, וועט דער אַנגעקלאַגטער בעקומען דאָס לעצטע וואָרט און דער־מלוכה־טריבונאַל וועט אַרויסטראָגען דעם אורטייל.

מיג. סקלאַדקאָווסקי, וועלכער איז געווען איז אויסלאַנד, וואו ער האָט גע־זאָלט פערברענגען די אורלויב־צייט, האָט איבעררייסען זיין אורלויב און געקומען קיין וואַרשאַ, כדי צו שטעלען זיך אַלס עדות פאַר'ן מלוכה־טריבונאַל.

מ'שמועסט אויך, אַז מאַרשאַל פּילסודסקי וועט קומען אין געריכט און געבען אויספיהרליכע ערקלערונגען וועגען דעם ענין טשעכאָוויטש.

אויפ'ן באלקאן איז אלץ נישט רוהיג

סאָפיאַ, (סמ.) אויף דער בולגאַרישיוגאָסלאַווישער גרענעץ, ביים בולגאַרי־שען דאָרף וורבטשאַ, האָט אַ יוגאָ־סלאַווישער מיליטערישער פּאָסטען אַנגעהויבען אַ שיסעריי. און דערשאָסען 4 בול־גאַרען, צווישען זיי איין פרוי. די בול־גאַרישע טאָלס האָט פערלאַנגט אַנ'אוים־פאָרשונג. די יוגאָסלאַווישע רעגירונג־האָט אָבער ערקלערט, אַז זי אַנערקענט דעם ענין פאַר אַנ'אונערליך מלוכה'שען. דעם זעלבען טאָג האָט אַנ'אַנדער יוגאָ־סלאַווישער פּאָסטען געשאָסען צו אַ בול־גאַרישען גרענעץ־פּאַטרול און איין זעל־נער פערוואונדעט. די בולגאַרישע פּרע־סע פערלאַנגען אויפערצוגעבען דעם ענין צו דער פעלקער־ליגע.

די מלוכה פון וואטיקאן „פערגרעסערט זיך"

רוים (סמ.) דער טראַקטאַט, וואָס איז זיינער צייט אָפּגעשלאָסען געוואָרען צווישען וואַטיקאַן און דער איטאַליענישער רעגירונג, האָט פעסטגעשטעלט די צאָהל פון די וואַטיקאַן־בירגער אויף 400. איינעם פון די פויפסטליכע דינער איז געבוירען געוואָרען אַ זוהן און דאַ־דורך האָט זיך פערקלענערט די צאָהל וואַטיקאַן־בירגער מיט נאָך אַ נפש. עס איז מעגליך, אַז דאָס ניי־געבוירע־נע קינד וועט גורם זיין אַ דיפּלאָמאַטי־שע קאָרעספּאָנדענץ צווישען דער נייער מלוכה און דער איטאַליענישער רעגי־רונג.

העלדישער ים-חאלוץ ראטעוועט 3 פערזאָן פון א דערטרונקענעם אויטא

קאָפּענהאַגען (סמ.) און פאַרט שטובענקעבינג איז אַריינגעפאַלען אין ים אַנ'אויטאָ, און וועלכען עס האָבען זיך געפינען דריי פערזאָן.

ביי דער קאַטאַסטראָפע האָט זיך גע־פונען אַ העלדישער מאַטראָז, וועלכער איז גלייך, נישט אָפּשטעלענדיג זיך, אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין, אַראָפּגעלאָזט זיך אויפ'ן דנאָ און זוכענדיג דעם אַריינגעפאַלענעם אויטאָ, האָט ער אויסגעהאַקט די שויב־טיר און איינציגווייז אַרויסגעצויגען אַלע דריי פאַסאַ־זשירען. איינעם פון די אַרויסגעראַטעוועטע איז שוין נישט געלונגען אָפּצו־מונטערן.

דער העלדישער און הומאַניטאַרער מאַטראָז איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען דורך'ן פובליקום.

ווענען לעגיסלאטיווען ראט פאר ארץ-ישראל
וואס האט סער טשענסעלאר ערקלערט דער דעלעגאציע פון דער אראבישער עקזעקוטיווע?

ירושלים (יט"א) די ארץ ישראל־רעגירונג האָט פערעפענטליכט אַנ'אָפּי־ציעלען קאָמוניקאַט וועגען דעם גע־שפּרעך, וואָס דער נציב העליון סער טשענסלאָר האָט אָפּגעהאַלטען מיט די פאָרשטעהער פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע און ארץ ישראל. און קאָמוניקאַט ווערט געזאָגט:

דעם 18 ה. ח. האָט דער נציב העליון פון ארץ ישראל אויפגענומען אַ דעלע־גאַציע פון דער אַראַבישער עקזעקוטי־ווע בראש מיט'ן פּרעזידענט מוסא קאַ־זים־פּאַשאַ, וועלכער האָט אויסגעדריקט דעם וואונש צו בעקומען אַנ'ענטפער אויף דעם מעמאָראַנדום פון דער אַראַ־בישער עקזעקוטיווע און דער פראַגע פון צוגויפרופען אַ רעפּרעזענטאַטיווע פערזאַמלונג (לעגיסלאַטיווען ראַט) פאַר ארץ ישראל. דער נציב העליון האָט ער־קלערט, אַז ער האָט דעם ענין געווידמעט פיל נאָכדענקען זייט ער איז גע־קומען אויף זיין אַמט קיין ארץ ישראל און איצט האָט ער בדעה, דעם ראַזוננע־ווילכטיגען ענין צו דיסקוטירען מיט דעם שטאַטס־סעקרעטאַר פאַר קאָלאָניען ענינים און איהם טאָלען געוויסע פאָר־שלאַגען, וועלכע די רעגירונג איז אים שטאַנד צו פאָרמולירען. פאַר'ן דורכ־פיהרען די פולע בעשפּרעכונג פון דעם ענין מיט'ן קאָלאָניאַל־שטאַטס־סעקרעטאַר, האָט סער טשענסלאָר פערענדיגט, איז ער נישט ביכולת צו געבען און דער פראַגע קיין מעהר דעטאַלירטע ענטפער.

8-טונג!
דאָס
לאָדזער
טאָגעבלאט
פעקומט מען טעגליך 6 א זייגער פריה
אין אלע באהן-קיאסקען פון
„רוך"
(„Ruch")

דיפלאמאטישער האנד-דרוק

גענעראַל דאַוועס (נייער אַמעריקענער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד) בעגריסט דעם ענגלישען פּרעמיער מאַקדאָנאַלד (לינקס).

די הייגטיגע טרון-רעדע אין לארדען-הויז

לאָנדאָן (ספּעציעל) „טיימס" מעלדעט, אַז מאָרגען וועט אין לאָרדען-הויז געלייענט ווערען די טרון־רעדע.

אין דער רעדע וועט אויסגעדריקט ווערען די צופרידענהייט און גאַנג פון די געשפּרעכען צווישען מאַקדאָנאַלד'ן מיט'ן אַמעריקאַנער נייעם באָטשאַפטער דאַוועס, ווי אויך אַנ אָנזאָג פון בעניי'ען די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען ענגלאַנד מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. אין דער פראַגע פון דער עוואַקואַציע פון רהיין־געביט וועט די ענגלישע רעגירונג זיך בעמיהען דערפיהרען צו אַ שנעלער ענטשיידונג.

ענגלאנד וועט בקרוב אנקניפען דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט ראטען-רוסלאנד
קיין הלואה וועט אבער רוסלאנד נישט בעקומען

לאָנדאָן, (סמ) נאָך דער לעצטער זיצונג פון מיניסטערען־קאַבינעט הערשט אין די פּאָליטישע קרייזען די איבערצייגונג, אַז די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען ענגלאַנד און דער ראַטען־מאַכט וועלען בקרוב צוריק אַנגעקניפּט ווערען. אָבער קיין הלואות פון ענגלאַנד וועט רוסלאַנד דערווייל נישט בעקומען.

די ענגלישע רעגירונג וועט אויך שטעלען אַלס בעדינג פון אָנקניפּען דיפּ־לאָמאַטישע בעציהונגען מיט רוסלאַנד, די פערזיכערונג פון דער סאָוויעטען־מאַכט, אַז זי וועט זיך נישט מישען אין די אינערליכע ענינים פון ענגלאַנד און זי וועט נישט פיהרען קיין פּראָפּאַגאַנדע געגען דער בריטישער אימפּעריע.

שינוועלד דער יודישער מיניסטער איז ענגלאנד, וויל העלפען פער-שטארקען דעם שלום.

לאָנדאָן, (סמ. צום „ל.ט.") דער וויצע־קריגס־מיניסטער אין מאַקדאָנאַלדס קאַבינעט ה' שינוועל, וועלכער איז אַ זוהן פון אַ לאָדזער יודישען שניידער, האָט ערקלערט, אַז הגם ער נעמט אָן אַנ'אַמט אין קריגס־מיניסטעריום, וועט ער אַבער אַרבייטען פאַר'ן שלום. זיין אויפגאַבע אין קריגס־מיניסטעריום וועט נישט זיין, אויסצוגעבען אַ סך געלד אויף קריגס־שיפען, נאָר פערקעהרט, רעדוצירען די דאָזיגע אויסגאַבען ביז אַ מינימום.

אויב דאָס וועט מיר געלונגען, האָט ערקלערט דער יודישער וויצע־מיניסטער, וועל איך האָבען דערגרייכט דעם ערשטען שריט פאַר'ן שלום, צו וואָס עס שטרעבט די אַרבייטער־רעגירונג.

די כינעזער גרייטען זיך מקבל פנים צו זיין די רויטע ארמעע..

לאָנדאָן (סמ.) נעכטען איז אין מוקדען (מאַנדזשוריען) פאָרגעקומען אַ קריגס־ראַט זיצונג פון די מאַנדזשורי־ער גענעראַלען. עס איז בעשלאָסען געוואָ־רען צו אָרגאַניזירען אַ גאַנץ נייע מיליטער־מאַכט, וואָס זאָל זיין בכח זיך ענט־געגענצושטעלען אַנ'עווענטועלער אינוואַזיע פון דער רויטער אַרמעע. עס איז ערקלערט געוואָרען אַ מאָביליזאַציע פון 4 דיוויזיעס פיכאָטע און צוויי דיוויזיעס קאַוואַלעריע, ווי אויך אַ גאַנצע רייהע אַרטילעריע און טעכנישע מיליטער אָפּטיילונגען.

גרויסע מפלה פון האביבולאה
נאדיר כאן בעלאגערט קאבול

פּעשאַוואַר (סמ.) מיט'ן אָנקומען פון אַמאַנולאַה'ן האָט די לאַגע אין אַפגאַניסטאַן מיט נאָך נישט זיך גע־ענדערט. די קאַמפּען צווישען פּערשי־דענע שבטים קומען וויטער פאָר.

אין אויטגוען מאָמענט מאַרשירט אויף קאַבול אַ גרעסערע גרופּע אויפ־שטענדיגע אונטער דער אָנפיהרונג פון נאַדיר כאַן. לויט נאָך נישט בעשטעטיגטע ידיעות האָט האַביבולאַ זיך פערפעסטיגט אין קאַבול און נאַדיר־כאַנ'ס אַר־מעע איז צוגעטרעטען צו אַ פאָרמעלער בעלאַגערונג.

אָפּגעקט איז אָבער, אַז די ראַדיאָ־סטאַציע און קאַבול האָט אָפּגעשטעלט איהר טעטיגקייט.

וועגען דער מפלה פון אוזורפּאַטאָרי־שען מושל האָט דערצויטירט אַ גרויסע שלאַכט, און וועלכער האַביבולאַ האָט פערלוירען 3000 זעלנער, 5 טויזענד האַנד־ביקסען און 12 מאַשינען־געוועהר.

אונבעקאנטער גורל פון שפאנישע אטלאנטיק פליהער.

לאָנדאָן: (סמ.) פרומאַ־דע־ריוועראַ האָט ערקלערט פאַר פאַרשטעהער פון דער פּרעסע, אַז די ידיעה אַז די שפּאַ־נישע לופט־פליהער, וואָס האָבען אונ־טערגענומען אַנ'אַטלאַנטיק־פליה, האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אַזאָרען שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט. דער פּרעמיער האָט מורא, אַז מיט די העלדישע פליהער איז געשעהן אַנ'אומ־גליק.

פּאָנטאַ דעלגאַדאַ (סמ.) די: אַפּאָרטוגאַלישע קריגס־שיף האָט אונ־טערגענומען צו זוכען די שפּורען פון דער לופט־שיף „נומאַנציאַ".

ווידער ערד-ציטערניש אין זעעלאנד

וואַשינגטאָן (סמ.) די בעפעל־קערונג פון ניי־זעעלאַנד (אויסטראַליען) האָט נאָך נישט בעוויזען צו זיך צו קו־מען פון דער לעצטער מורא'דיגער ערד־ציטערניש אין דער דרום־טייל פון דער אינזעל געטראָפען פון אַ נייער שטאַרקער ערד־שטויס. דער צענטער פון דער ערד־ציטערניש געפינט זיך אין אימגעגענד פון דער שטאָט מורטשיסאָן, וועלכע ליגט אין גאַנצען אין חורבות. די צאָהל מענשען קרבנות איז נישט גרויס. דאָס איז דערפאַר, ווייל די איינ־וואויער האָבען נאָך פון צוריקקעהרט אין די וואוינונגען. וועלכע זיינען האָבען פערלאָזט נאָך דער ערשטער קאַטאַסטראָפע.

דער מאַטעריעלער שאָדען איז אַ זעהר בעדייטענדער. צווישען דער בעפעלקע־רונג איז ענטשטאַנען אַ גרויסער מהומה.

צחיי יום-טובים אין ענגלאנד

לאָנדאָן (סמ.) דער פּרינץ פון וועלס האָט געפייערט זיין 35־יעהריגען געבורטסטאָג דעם טאָג האָט ער פערברענגט מיט'ן סוגונגדאַל, ווי אויך אין שלאָס ווינדסאָר, וואו ער האָט בעזוכט דעם קעניג און די קעניגין. מיט אַ טאָג צופריהער האָט דער קע־ניג געפייערט דעם 18. יאָהר־טאָג פון דער קאָראָנאַציע. דער טאָג איז געפייערט געוואָרען אין לאָנדאָן און די ענגלישע פאַרטען מיט האַרמאַ־טען־שאָסען און מיט אַרויסהענגען נאַ־ציאָנאַלע פאָהנער.

פאר דער קאנפערענץ פון די רעגירונגען

פּאַריז (סמ.) פון לאָנדאָן מעלדעט מען, אַז מאַקדאָנאַלד איז קאַטעגאָריש דערפאַר, אַז די קאָנפערענץ פון די רע־גירונגען זאָל נישט פאָרקומען אין לאָזשאַן נאָר אין לאָנדאָן.

מאַקדאָנאַלד ערקלערט, אַז זיינע בע־שעפטיגונגען ערלויבען איהם נישט צו פערלאָזען לאָנדאָן.

פון בערלין מעלדעט מען, אַז די דייטשע רעגירונג איז אויך דערפאַר, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אין לאָנדאָן.

עס איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט, וועלכע מלוכות וועלען אייגעלאַדען ווערען אָנטייל צו נעמען אין דער קאָנפע־רענץ. עס איז נישט בעוואוסט, צי עס וועלען אַנטייל נעמען נאָר די מלוכות וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם יונג־פּלאַן אָדער אויך די אַלע לענדער, וואָס זענען פעראינטערעסירט אין דער עוואַ־קואַציע פון רהיין־געביט און אין דעם אָפּהיטען דעם שלום פון אייראָפּאַ.

דייטשע נאציאנאליסטען בעוואפנען זיך מיט געגנב'עטע באמבעס

בערלין (סמ.) פון אַמטליכע־מאַנגע זיין אין דעמיניץ־מוטוטיץ איז אַרויסגע־גנב'עט געוואָרען 12 און האַלבען קילאָ אויפרייס־מאַטעריאַל און 185 באָמבעס. מען איז זיך משער, אַז די גנבים זיי־נען פון די קרייזען פון רעכטע מיליטע־ריש אָרגאַניזאַציעס.

באהן-בילעטען אויף רונד-רייזעס איבער פוילען.

(ג) מ'גיט איבער, אַז צוליב דער לאַנד־אויסשטעלונג אין פּויזען, האָט די פערוואַלטונג פון דער פּוילישער רעגי־רונגס־באַהן איינגעפיהרט 15־טאָגיגע בילעטען, וואָס בערעכטיגען צו פאַהרען מיט דער באַהן אין אַלע שטרעקעס. דער דאָזיגער בילעט מוז אָבער און משך פון די 15 טעג פון זייער גילטיגקייט אָפּגע־שטעמפּעלט ווערען אין דער אויסשטעלונגס־ביוראָ אין פּויזען. פאַר דער דריטער קלאַס קאָסט אַזאַ בילעט 102 זל., פאַר דער צווייטער קלאַס 153 זל., ערשטע קלאַס — 225 זל. די דאָזיגע בילעטען קען מען בעקומען אין אַלע באַהן דירעקציעס.

לאָדזער טאָגעבלאַט

ד"ר רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אוונד.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

אהן סענטימענטען

דער אמעריקאנער סענאט האט מיט א מעהרהייט שטימען אפגעווארפען די רעזאלוציע, וואס ס'האט אריינגעטראגען סענאטאר ניי אויף צוריקצוציהען דעם בעשלוס וועגען ווייטערע קוואטע-שווערינקייטען פאר עמיגראנטען פון מזרח-אייראפּעאישע לענדער מיט דעם פארצוג פון די עמיגראנטען, וואס קומען פון די אנגלא-זאקסישע לענדער. דאס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז די מאגערע איינגעשרומפענע קוואטע פאר די מזרח-אייראפעאישע עמיגראנטען איז נאך מעהר פערקלענערט געווארען און אז דער לעצטער פרוב, וואס ס'איז געמאכט געווארען דורך סענאטאר ניי מתקן צו זיין די עוולה—איז אפגעווארפען געווארען.

ווען די לאגע פון דער קוואטע אין די פעראייניגטע שטאטען וואלט געבליבען ווי עס איז געווען, וואלט עס אויך געווען א קנאפע ישועה פאר די גרויסע מאסען עמיגראנטען, וואס רייסען זיך פון מזרח-אייראפא. ווער שמועסט, ווען די דאזיגע אזוי אויך ארימע קוואטע, איז נאך מעהר פערקירצט געווארען.

פאר אונז יודען איז דאס א געוואלדיגער קלאפ. נאכדעם ווי מיר האבען פערלוירען צפון-אמעריקא אלס איינוואנדערונגס-צענטער פאר דער גרויסער יודישער עמיגראציע, זענען טיילווייז געשאפען געווארען נייע לענדער, וואוהין דער יודישער עמיגראנט האט זיך דורך ימים און מדבריות אוועקגעלאזט אויף קדוש-השם.

אזעלכע צענטערן זענען געווען: ארגענטינא, בראזיליען, פאראגוואי, אוראגוואי, אויסטראליע, דרום-אפריקא, מעקסיקא א. אנד.

די לעצטע ידיעות, וואס מיר האבען בעקומען פון די דאזיגע לענדער, זענען אהן א קליינעם אויסנאהם טרויעריגע. אין דעם ארגאן פון „עמיגדירעקט". די יודישע עמיגראציע ווערט געבראכט זעהר א טרויעריגער גרוס פון דרום-אפריקע, פון דעם לאנד, וואס האט ביז איצט געשמ'ט פאר אנ'ארט, וואו ס'וואלגערען זיך דימענטען און בריליאנטען, בעקומען זיך לעצטענס פערצווייפעלטע בריף, נישט נאר פון ניי-אנגעקומענע עמיגראנטען, נאר אויך פון אלטגעזעסענע יודישע איינוואוינער. דאס זעלביע פון מעקסיקא, פיל עמיגראנטען, וואס קלויבען זיך אין וועג קיין דרום-אמעריקא, ווערען געווארענט דורך זייערע קרובים און פריינט זיך צו פארהאלטען דערווייל צו עמיגרירען.

דאס דאזיגע פראבלעם ווערט נאך שארפער, ווען מיר נעמען אין אכט, אז גראד אין מזרח-אייראפא האט דער עקאנאמישער קריזיס דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאס לעצטע יאהר ווערט דאך כמעט גערעדט און געשריבען איבער דער שרעקליכער עקאנאמישער לאגע פון די יודען אין פוילען, איבער דעם הונגער און נויט אין בעסאראביע און ליטא. מיר זענען דאך דערגאנגען אזוי ווייט, אז מיר מוזען נישט ווילענדיג רעדען פון שטיצע, פון קאנסטרוקטיווער הילף. קלאר, אז ביי אזא סיטואציע וואקסט דער אויסוואנדערונגס-שטראם און די עמיגראציע-בעדערפנישען. דער יודישער עמיגראנט האט זיך דורכגעריסען דורך דעם קלענסטען שפעלטעל איבער דעם גאנצען ערד-קוגעל. איצט אבער ווערט דאס קלענסטע שפעלטעל פערשטאפט. דאס בעווייזט אויך דער איצטיגער בעשלוס פון אמעריקאנער סענאט בנוגע דער עמיגראציע-קוואטע.

מיר זענען נישט נאאיוו צו מיינען, אז פאלעסטינא קען פערענטפערען אין עטוואס א סאלידער פארם די פראגע פון דער יודישער עמיגראציע, נאר ביי דעם גרויסען און שטארקען מאנגעל אין א שפאן ערד פאר אונזער עמיגראציע אויף דער גאנצער וועלט, וואלט א"י ביי דער לעצטענס געשאפענער סיטואציע געקענט דינען פאר אנ'איינוואנדערונגס-פלאץ פאר א גרויסער צאהל עמיגראנטען—פאכלייט דערצו איז אבער נויטיג, אז די פערשידענע עמיגראציע-געזעלשאפטען, וואס געבען אויס געוואלדיג-גרויסע מיטלען צו שאפען נייע צענטרען פאר דער יודישער עמיגראציע און זי רעגולירען — זאלען זיך צו פאלעסטינע נישט בעציהען, ווי צו א שטיף-קינד, דערויף דארף מען נישט האבען קיין סענטימענטען פאר ציוניזם, נאר אביעקטיוו אפשאצען דעם ווערט פונ'ם לאנד אויס דעם שטאנד-פונקט פון איהר אויפנאמס-פעיגקייט פאר [illegible] צאהל עמיגראנטען יעהרליך.

ז. ר.

אונבעקאנטע ווערק פון ביירא'נ'ען ווערען איצט פערעפענטליכט

פאריז, (ספ.) איינע פון די צייטונגען, וואס ערשיינען אין ניצא פערעפענטליכט איצט א סעריע ביז-איצט אונבעקאנטע שאפונגען פון לארד בייראן, וועלכע ער האט אנגעשריבען בעת זיין רייזע אין שווייצאריען.

ב. עפאהר איהר פאהרט אויף ערהאלונג!!
געדענקט, אז די איינציגע ביליגסטע איינקויפס-קוועלע
פון אלערליי
קאסמעטיק
איז נאר די איבעראל בעוואוסטע פערפומעריע
י. דרוקער, זאוואדזקא 11 טעלעפאן 75-92
בעמ.: פאר אנגראָ-יסטען בעדייטענדער ראבאט

יודישע נייעס

זאמעל-אקציעס לטובת רוסישע יודען אין דייטשלאנד

בערלין (יט"א) אין דייטשלאנד ווערט איצט דורכגעפיהרט א ריזה זאמעל-אקציעס לטובת די יודישע עמיגראנטען פון רוסלאנד. בראש פון דער אקציע שטעהט דער פארזיצער פון פערבאנד פון רוסישע יודען אין דייטשלאנד ד"ר יעקב מייטעל. אזעלכע אקציעס זענען שוין דורכגעפיהרט געווארען אין כעמניץ, לייפציג און אנד. איצט האט זיך אנגעהויבען אן אקציע א.ז. ברעסלוי.

ווארנונג פאר פרויען-עמיגראנטען קיין אורוגוואי

פאריז (יט"א) די דירעקציע פון „היאס-יקא - עמיגדירעקט" בעקומט בסדר מיטיילונגען פון מאנטעווידעא (אורוגוואי) און בוענאס-איירעס, אז פיל פרויען, וואס זענען געקומען קיין מאנטעווידעא, קענען נישט געפינען קיין ארבייט. זייער לאגע איז זעהר א שלעכטע. עס ווערט דעריבער געווארענט, אז איינזאמע פרויען זאלען נישט עמיגרירען קיין אורוגוואי.

דענקמאל פאר אסקאר שטרויס אין וואשינגטאן

ניו-יארק (יט"א) דא איז געגרינדעט געווארען א געזעלשאפט, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל, דורכצופיהרען דעם בעשלוס פון אמעריקאנער סענאט וועגען אויפשטעלען א דענקמאל פאר'ן פערשטארבענעם יודיש-אמעריקאנער פאליטיקער אסקאר שטרויס, וועלכער איז געווען האנדעלס- און ארבייטס-מיניסטער אין קאבינעט פון פרעזידענט רוזוועלט און דריי פעריאדען אמעריקאנער באטשאפטער אין טערקיי.

שוהלען פערוואנדעלט אויף וואוין-פלעצער

מאסקווא (יט"א) דער סיסטעם פון פערוואנדלען יודישע שוהלען אין קלובען האט איצט בעקומען א גאנץ נייע ווענדונג. מען האט זיך ארומגעזעהן אז מען קען די געביידעס פון די שוהלען נוצען פאר וואוין-פלעצער, און דער שטאט קונעשמא איז בעשלאסען געווארען אוועקצונעמען די ארמונגע שוהל און זי איבערגעבען זעקס פאמיליעס צום וואוינען.

דער טומעל אין דייטשלאנד ארום דעם יאנג-אפמאך

ווי האבען פריהער אויסגעזעהן די רעפעראציע-התחייבות'ן פון דייטשלאנד און וואס בעשטעהען די הנחות און פערלייכטערונגען פון דייטשלאנד נאכ'ן יאנג-אפמאך. — א גענויע ערקלערונג וועגען דעם דאזיגען פערפלאנטערטען ענין.

פון אונזער בערלינער קארעספאנדענט י. מ. גליקסמאן.

די דייטשע עפענטליכע מיינונג און די דייטשע פרעסע פון אלע שאטירונגען, סיי רעכטס, סיי לינקס, געפינט זיך נאך אלץ אונטער'ן איינדרוק פון דער בוררים-קאנפערענץ אין פאריז. בנוגע די רעפעראציע-צאהלונגען. די רעכטע נוצען דאס אויס פאר זייערע דעמאגאגישע אגיטאציע-צוועקען. לויט זייער מיינונג איז דער „יאנג-אפמאך" פאר דייטשלאנד א גרעסערע מפלה, ווי דער ווערסאילער-טראקטאט... די אנפיהרער פון דער „דייטש-נאציאנאלער פארטיי", הוגענבערג און וועסטארפ, טענה'ן אז דייטשלאנד טאר דעם יאנג - אפמאך נישט אונטערשרייבען, נאכדעם, ווי די דייטשע מלוכה האט שוין ביז איצט, לויט זייער מיינונג, בעצאהלט 50 מיליארד מאַרק זי אויף זיך נישט נעמען א התחייבות פון פרישע 108.591.3 מיליאנען אויף א משך פון 58 יאהר, צו בעלאסטען די קומענדיגע דורות, צו צאהלען אזעלכע סומעס, וואס די דייטשע ווירטשאפט איז בשום אופן נישט בכח ארויסצוטראגען: „אויב די רעגירונג וועט דעם אפמאך אונטערשרייבען, שרייבט זי לכתחלה אונטער א וועקסעל, וואס זי וועט סוף כל סוף נישט זיין בכח צו בעצאהלען", זאגען זיי.

הוגענבערג האט ערקלערט א אמעריקאנישען קארעספאנדענט, אז באם דייטשלאנד וועט אונטערשרייבען דעם יאנג-אפמאך, איז לא ימלט, אז די מדינה זאל נישט קומען צו א מלוכה-באנקראט. די רעכטע האבען נאך איידער שטרעזעמאן איז געפאהרען קיין מאדריד, פון איהם פערלאנגט ערקלערונגען איבער דעם גאנג פון די רעפעראציע-פערהאנדלונגען אין פאריז, די רעגירונג האט זיך אבער דערפון אפגעזאגט, ווייל די פערהאנדלונגען זענען נאך נישט געקומען לידי גמר.

צום 10-טען יאהרצייט פון ווערסאילער טראקטאט גרייטען זיך די פעראייניגטע „פאטערלענדישע" פערבאנדען צו גרויסע דעמאנסטראציעס געגען דעם יאנג-אפמאך. אזוי שעדיגט די מלוכה-אינטערעסען די פארטיי, וואס האט פאר זיך דעם פאטריאטיזם גענומען אין מאנאפאל, די דעמאקראטישע און סאציאליסטישע פרעסע איז מודה, אז דייטשלאנד נעמט אויף זיך א זעהר שווערען עול, צו צאהלען 37 יאהר צו 2050 מיליאן אין 21 יאהר אין פערשידענע ראטעס 82.741.3 מיליאן, סך הכל — 108.591,3 מיליאן, וואס דאס איז 1/3 פונ'ם פערמעגען, וואס גאנץ דייטשלאנד פערמאגט. די געשיכטע קען נישט נאך אזא ציפער פון קאנטריבוציע, אבער. אז מען דערמאנט זיך די אלע פאזען, וואס דייטשלאנד איז די 10 יאהר אין דעם ענין-רעפעראציע דורכגעגאנגען, איז דער יאנג-אפמאך פאר דייטשלאנד. הן מאטעריעל, הן מאראליש א גרויסע הנחה. בעת'ן וואפענשטילשטאנד האט קלעמאנסא בערעכענט, אז דער שאדען, וואס די „קאאליציע" האט געליטען און ער פערלאנגט, אז דייטשלאנד מוז דאס בעצאהלען, טרעפען אן איבער 200 מיליארדען, ערצבערגער, דער דעמאלדיגער דייטשער פערטרעטער בעת די אונטערהאנדלונגען, האט אויף דער סומע מסכים געווען, ער האט נאר געפאדערט, אז דייטשלאנד זאל דאס אויסצאהלען אין משך פון 200 יאהר אהן ציזנזען, אויף וואס פראנקרייך האט נישט מסכים געווען. שפעטער אין יאהר 1921 אין לאנדאן, האט מען פעסטגעשטעלט דעם שאדען פון דער קאאליציע אויף 132 מיליארדען, דער דוויס-פלאן פון 1923 האט קיין סומע נישט פעסטגעשטעלט, נאר דייטשלאנד זאל צאהלען ווי ווייט די ווירטשאפטליכע לאגע וועט עס איהר ערלויבען, היי-יאהר האט דייטשלאנד געזאלט צאהלען 2600 מיליאן און אז דער מצב פון די פינאנסען אין דער ווירטשאפט וועט עס ערלויבען, זאל די סומע געהעכערט ווערען ביז 3600 מיליאן א יאהר. אין דייטשלאנד איז געזעסען א שטענדיגע רעפעראציע - קאמיסיע מיט פארקער זילבער בראש, וואס האט געזאלט קאנטראלירען ווי ווייט דאס יכולת פון די דייטשע פינאנצען און ווירטשאפט גרייכט.

די אלע אבמאכען האבען ביז איצט געמאכט צווישען זיך די בעלי חובות אליין, דייטשלאנד האט מען נאר גערופען, זי זאל אויסהערען זייער פסק-דין. ביי דער יאנג - קאנפערענץ איז דייטשלאנד מיט אירע בעלי-חובות געווען גלייכבערעכטיגט, און דייטשלאנד האט טאקי דורכגעפיהרט זעהר גרויסע שנוים אין דעם גאנצען ענין. די סומע האט מען איהר פערקלענערט אפילו פון דוויס-פלאן מיט איבער 9 מיליארד, פון דער רייכס-באהן און אינדוסטריע האט מען ארויסגענומען די ביז - איצטיגע ערבות פאר די צאהלונגען, אין דער דייטשער רייכס-באנק וועלען אויסלענדער נישט מעהר האבען דאס רעכט צו זאגען א דעה, פארקער זילבער, דער רעפעראציע-אגענט, וואס האט געהאט אנ'אונבעגרעניצטע קאנטראל-מאכט איבער דער גאנצער דייטשער ווירטשאפט און פינאנצען וועט ליקווידירען זיין טעטיגקייט. פון 1. סעפטעמבער 1929 הערט דייטשלאנד אויף צו צאהלען פאר'ן אויסהאלטען דאס אקופאציע-מיליטער פון פראנקרייך, ענגלאנד און בעלגיען אין דער רהיין-געגענד, און ועל כולם, די אקופאציע פון רהיין-געביט, (און, ווי דייטשלאנד וויל, אויך פון דעם סאאר-לאנד) זאל אראפגענומען ווערען.

די צאהלונג גופא ווערט פאר דייטשלאנד אויך פערלייכטערט. און, עס איז א סברא, עס זאל אפילו פערקלענערט ווערען.

די פאריזער קאנפערענץ האט בעשלאסען, ווי בעקאנט, צו גרינדען „אנ'-אינטערנאציאנאלע באנק" מיט אנ'אקציע-קאפיטאל פון 100 מיליאן דאלאר. חוץ דעם זאלען די בעלי חובות געבען 860 מיליאן אין דייטשלאנד 100 מיליאן מארק אויף קלענע ציזנזען, כדי די באנק זאל זיין בכח אדורכצופיהרען גרויסע פינאנציעלע אפעראציעס, די באנק וועט בעזארגען הלוואות, וועט אויך דעם גאנצען רעפעראציע-ענין רעגולירען, דייטשלאנד האט זיך נאר מחייב געווען צו צאהלען אין פרעמדער וואלוטע 660 מיליאן מארק א יאהר, דאס איבעריגע אין דייטשע מארק, אין די ערשטע 10 יאהר א חלק אויך אין שוה כסף, ווי קויהלען און מאשינען. די באנק וועט אויך זארגען פאר'ן דייטשען עקספארט, ער זאל זיך פערגרעסערען. דייטשלאנד האט דאס רעכט ביי א קריטישער לאגע צו פערלאנגען א מאראטאריום אויף די יעהרליכע ראטעס, דאס בעשטימט די באנק.

די זעלביגע באנק וועט אויך פאר די בעלי חובות אויפנעמען הלוואות אויפ'ן חשבון פון די יעהרליכע ראטעס, וואס דייטשלאנד האט צו צאהלען (קאמערציאליזירונג), פון די אפעראציעס וועט די באנק האבען רווחים, וואס וועלען בענוצט ווערען אויף צו צאהלען די לעצטע 21 יאהר די ראטעס פון 82.741.3 מיליאנען. און אזוי ווי די אלע ראטעס, וואס דייטשלאנד האט צו צאהלען איהרע בעלי-חובות, געהען צו אמעריקא פאר איהרע קריגס-הלוואות, איז אפגעמאכט געווארען, אז באם אמעריקא וועט אין משך פון דער צייט מאכען וועלכע עס איז הנחה פון איהרע חובות, וועט דייטשלאנד פון דער הנחה האבען 2/3 8/4 און מען רעכענט טאקי, אז אמעריקא וועט נעהמען געבען פערשידענע הנחות פאר אייראפא.

דער יאנג - אפמאך מוז פון די אלע מדינות, וואס האבען אין די פאריזער בעראטונגען גענומען א חלק, ראטיפיצירט ווערען. דער פראנצויזישער מיניסטערען-קאבינעט האט איינשטימיג איהרע הסכמה צום אבמאך שוין געגעבען, דאס איז א התחלה צו ליקווידירען ענדגילטיג די וועלט-מלחמה!

די אינדישע יודען

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") — פון ד"ר וואלפגאנג פאן ווייזל.

דאס איז די געשיכטע פון די „בני-ישראל" אין באמביי. פיל הונדערטער יאהרען נאך פאר יעזוסעס צייטען, אפשר נאך פאר'ן ערשטען חורבן איז אנגעפאהרען א שיף מיט יודען פון יעמען (דרום-אראביען) קיין אינדיען. מעגליך, אז די שיף האט געהערט צו א געוויסען פלאט, אדער אפשר גאר צו דעם זעהר טיכטיגען האנדעלס-פלאט אין די צייטען פון שלמה המלך, וועלכער פלעגט ברענגען קיין ירושלים טייערן האלץ, עלפאנטביין, גאלד און בשמים.

אויב דאס איז געווען א פלאט, איז גאנץ מעגליך, אז די גרעסטע טייל פון זיינע שיפען האבען דערגרייכט זייער ציל: נאך ביי היינטיגען טאג, לעבט אין קאכין (דרום-אינדיען) א גרויסע יודישע קהלה, וועלכע ווערט גערופען „די ווייסע יודען פון קאכין", און וועלכע ציהט איהר יחוס נאך פון יענע צייטען. נאר מיט איינע פון די שיפען איז געשעהן אנ'אומגליק. א געוואלדיגער צפון-ווינט האט איהר פעריאגט אזש ביז באמביי, פיל זענען אומגעקומען און פון די איבערגעבליבענע ביים לעבען, בערך 7 יודישע פאמיליעס, האט זיך געגרינדעט די דאזיגע געמיינדע, וואס רופט זיך „בני ישראל".

די אנגעקומענע יודען זענען זעהר פריינטליך אויפגענומען געווארען פון די אינדיאנער, וועלכע היבען בכלל זיך בעצויגען צו אלע רעליגיעס מיט גרויס דרך-ארץ. די יודען האבען אנגענומען פיל פון די אינדישע מנהגים, נישט עסען קיין רינד-פלייש, וועלכע די אינדיאנער פלעגען האלטען זעהר הייליג — אזוי פלעגען אויך טון אין די שפעטערע צייטען די פליכטלינגע פון דער פערסישער רעליגיע — אין פלעגען חתונה האבען מיט די אינדיאנישע פרויען, אבוואל זיי לייקענען עס היינט אפ. אזוי ווי קיין איינציגע תורה און קיין איינער פון די אנדערע שריפטען זענען נישט ניצול געווארען פון דעם גרויסען שעכס-אומגליק האבען זיי פערגעסען די גאנצע יודישע מסורה, אלע דינים און תפילות. זיי פלעגען נאר איינהאלטען דעם שבת, אפהיטען א פאר דינים פון כשרות און געבען זייערע קינדער יודישע נעמען. פון די אנדערע דינים איז כמעט קיין זכר נישט געבליבען און פון דער גאנצער העברעאישער שפראך איז זיי נאר געבליבען „שמע ישראל".

איז דער צייט פון יום-כפור, ראש-השנה און די דריי יום-טובים פלעגען זיי זיך צוזאמענקומען. א דאנק דעם, וואס דער יודישער חדש - קאלענדאר שטימט מיט דעם אינדיאנישען, פלעגען זיי וויסען די צייט און פון דער פריה ביז שפעט אין אוונט זאגען די איינציגע ווערטער „שמע ישראל", „שמע ישראל".

זייער הויפט-בעשעפטיגונג איז בעשטאנען אין האנט-וועבעריי. אזוי ווי זיי פלעגען אפהיטען שבת, האבען די אינדיאנער זיי גערופען די „שבת וועבער" און געהאלטען דעם שבת פאר דאס איינציגע, וואס אונטערשיידעט צווישען זיי און די יודען.

אזוי איז עס געווען ביז אין אנהויב פון דעם 5-טען יאהרהונדערט, כמעט א 2000 יאהר נאך דער גרינדונג פון דער קהלה פון די „בני-ישראל" אין באמביי, איז געקומען א היגער פון די אזוי - גערופענע „ווייסע יודען פון קאכין" ער האט געהייסען דוד רחבי און איז געווארען דער מיסיאנער פון די פערשוואונדענע „בני ישראל". ער איז געקומען אלס הענדלער און האט צופעליג געהערט, אז צווישען די וועבער איז פאראן א סעקטע, וואס היט אפ דעם שבת. ער האט ווייטער געפארשט, ביז ער איז דערגאנגען, אז די דאזיגע סעקטע עסט נישט קיין פיש, וועלכע די אינדיאנער פלעגען כאפען, און וועלכע זענען פערבאטען לויט'ן יודישען דין. און ס'איז איהם קלאר געווארען, אז ער האט דא צו טון מיט א אפשטאמונג פון יודען. ער האט אויפגעזוכט די „שבת-וועבער" און האט זיך באלד געלאזט דערקענען אלס זייער א ברודער. ער זאל עס זיין דער יעניגער, וואס האט זיי צוריקגעבראכט די תורה און די דינים און א דאנק וועמען עס עקזיסטירט ביז היינט צו טאג א יודישער קיבוץ כון „בני-ישראל" אין באמביי.

אבער ווי גרויס זיין פערדינסט זאל נישט זיין, איז ער דאך נישט געווען דער ווירקליכער כח, וואס האט אין משך פון 0 20 יאהר אקעגענגעשטעלט זיך יעטוועדער השפעה פון דער אינדישער, בודישער, מאכמעדאנישער און פערסישער רעליגיעס, דאס וויכטיגסטע, וואס האט אנגעהאלטען דעם קיום פון דער יודישער געמיינדע זענען געווען דאס אפהיטען דעם שבת, דיני-כשרות און די העברעאישע נעמען.

ערשט פיל שפעטער זענען די בני-ישראל געקומען אין בעריהרונג מיט אייראפא. די ערשטע מיט וועמען זיי זענען געקומען אין בעריהרונג זענען געווען די קריסטליכע מיסיאנערען. גענעמענדיג אין בעטראכט די אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען צו געפונען צווישען די אינדישע אדער מאכמעדאנישע פעלקער אנהענגער פון קריסטענטום, זענען די מיסיאנערען זיכער געווען, אז מיט די יודען וועט זיי זיין פיל לייכטער, אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען; די יודען האבען זיי געגענגעשטעלט דעם זעלבען הארבען ווידערשטאנד ווי די איבעריגע מאכמעדאנישע פעלקער די ארבייט פון די מיסיאנערען האט געבראכט א גרויסען נוצען דערמיט וואס א דאנק דער בעריהרונג מיט דעם ענגלישן גייסט און איבערהויפט מיט דעם ענגלישען יודענטום איז ענטדעקט געווארען די עקזיסטענץ פון א יודישען קבוץ, וואס איז ווארשיינליך דער עלטסטער יודישער קבוץ.

(ענדע מארגען)

לאדזער כראניק.

די מיליטער-איבונגען פון רעזערוויסטען

ווי מיר דערוויסען זיך בעקומען איצט א טייל רעזערוויסטען, וואס דארפען היי-יאהר זיך שטעלען צו די איבונגען, קארטע פאוואלאניעס צוצושטעלען זיך דעם 1 יולי אין די פארמאציעס. דער טורנוס-סיסטעם איז היי-יאהר נישט איינגעפיהרט געווארען.

אויסלענדישע פירמעס ווילען האנדלען מיט לאדז

(§) דער צענטראלער סוחרים-פעראיין, פיעטריקאווער 10, האט פון דער ווארשאווער צענטראלע בעקומען א ידיעה, אז א גאנצע רייה אויסלענדישע פירמעס ווילען קומען אין האנדעלס-בעציהונגען מיט די לאדזער סוחרים. די אויסלענדישע סוחרים רעפלעקטירען אויף א גאנצע רייה פראדוקטען, וואס ווערען אויסגעארבייט אין פוילען.

די חתונה פון אלעקסאנדערער רבינ'ס טאכטער מיט'ן אייניקעל פון קאמארנער רבי'ן שליט"א

דער ראדזימנער רבי, מחותן פון חתנ'ס צד, קומט היינט צופאהרען קיין לאדז

גאנץ אלעקסאנדער געהט אנצט אויף רעדליך. אלע אלמנות, רעסטאראציעס, האטעלען און פריוואטע שטובען גרייטען זיך אויפצונעמען צענדליגער רבי'ס, רבנים און טויזענדער חסידים פון אלע עקען פוילען. דאס קומט מען זיך צונויף משמח צו זיין אויף דער חתונה פון אלעקסאנדערער רבינ'ס טאכטער רחל'ע תחיה, מיט דעם אייניקעל פון קאמארנער רבי'ן שליט"א. דער חתן מעגדעלע איז אנצט אלט 18 יאהר, ער איז א שטוף-זוהן פון ראדזימנער רבי'ן.

היינט 9 אווענד קומט צו פאהרען קיין לאדז דורכ'ן פאבריקס-באהן-הויף דער ראדזימנער רבי מיט זיינע מקורבים. דער רבי וועט איינשטעהן ביים היגען ראדזימנער חסיד ר' חיים בוזער, נארוטאוויטשא 29.

מארגען מיטוואך פריה איז טאג פון דער חתונה. קומט צו פאהרען דעם חתנ'ס זיידע, דער קאמארנער רבי שליט"א, וועלכער וועט דא ווילען א פאר שעה און אפפאהרען קיין אלעקסאנדער.

דאס לאדזער סוחר'טום פאדערט קרעדיט פון פ. ק. א.

(§) די לאדזער האנדעלס-קאמער האט זיך געווענדעט מיט א בריף צום צענטראלען סוחרים-פעראיין אנווייזענדיג אויף דער נויטווענדיגקייט פון אפטערען געניסען פון די דינסט פון פ. ק. א., ביים ערלעדיגען די טשעק-אפעראציעס. גלייכצייטיג ווייזט אן די האנדעלס-קאמער, אז זי וועט אינטערווענירען אין פ. ק. א. לטובת די ווירטשאפטליכע ספערען אין לאדז.

אין דעם ענטפער-בריף צו דער האנדעלס-קאמער, האט דער צענטראלער סוחרים-פעראיין אויפמערקזאם געמאכט, אז די סוחר'ישע און אינדוסטריעלע קרייזען, וועלכע בילדען דעם גרעסטען טהייל פון די קאנטא-בעזיצער אין פ.ק.א. בעניסען נישט פון קיין קרעדיטען פון פ.ק.א. דאס סוחרטום האלט, אז דאס איז צוליב דער פעראָרדנונג, וואס איז בשעתו ארויסגעגעבען געווארען צום שאדען פון די סוחרים און פאבריקאנטען. צום סוף זאגט זיך ארויס דער צענטראלער סוחרים-פעראיין פאר'ן עפענען אין לאדז אנ'אייגענע אפטיילונג פון פ. ק. א.

פאבאר פון יאהרגאנג 1908

ווער דארף זיך שטעלען היינט און מארגען?

היינט, דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר-קאמיסיע 1 אויף פאמארסקא 18 די פאבארוואָ פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 11. קאמיסאריאט און וועמענס פאמיליע-נעמען הויבען זיך אן מיט ח.

P. S.

פאר דער פאבאר-קאמיסיע 2 אויף עגראדאווא 34 דארפען זיך שטעלען די פרייוויליגע פון די יאהרגאנג 1909, 1910, און 1911 וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 1. 4. 6. 7. 10. 12. 13. און 14. קאמיסאריאט.

צו דער פאבאר-קאמיסיע 3 אויף זאקאנטנא 82 מוזען זיך שטעלען די פאבארוואָ פון די יאהרגענג 1883 און 1905 וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9, און 11-טען קאמיסאריאט וועלכע זענען ביז אהער נישט געשטאנען פאר קיין פאבאר-קאמיסיע און האבען נאך נישט רעגולירט זייער פליכט בנוגע מיליטער-דינסט.

אויף סעזאן-ארטיקלען מוזען בעקער'ס ארויסנעמען ספעציעלע פאטענטען.

(:) דאס העכסטע געריכט אין ווארשא האט מיט'ן אורטייל פון 23 מאי אין פרינציפ פעסטגעשטעלט, אז א בעקער, וועלכער בענוצט א פאטענט אויף זיין אונטערנעמונג מוז אויפ'ן אויסבאק פון א זעזאנג סעזאן ארטיקעל, ווי למשל מצות, ארויסנעמען א ספעציעלען פאטענט 5-טע קאטעגאריע אויף א האלב יאהר.

לאדזער שול-קינדער אויף דער אויסשטעלונג אין פויזען

(וו) נעכטען 9 אווענד איז ארויסגעפאהרען די פארטיע פון 700 יודישע שול-קינדער צו דער אויסשטעלונג אין פויזען און וועלען דארט ווייל ביז פרייטאג. היינט 11 פריה פאהרט ארויס א פארטיע פון קריסטליכע שול-קינדער. ביידע פארטיעס בעטרעפען קנאפע 3000 קינדער.

ארום די וואהלען צום 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס

היינט איז דער לעצטער טאג צו קאנטראלירען די ליסטעס. די שקל-צאהלער קענען נאכזעהן אין די בעשטימטע שעה'ן (פון 1 ביז 3 און פון 7 ביז 10) צו זיי זענען אריינגעטראגען געווארען אין די וועהלער-רשימות.

— אין צוזאמענהאנג מיט די בעפארשטעהענדע קאנגרעס-וואהלען האט דער צענטר. ציונ. וו. ק. ("עת לבנות") צוזאמענגערופען אויף היינט 9 אווענד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א ענגערע בעראטונג פון אנגעזעהענע ציוניסטישע עסקנים פון דער שטאט. דער איינגאנג איז לויט איינלאדונגען. דער דערמאנטער וואהל-קאמיטעט וועט אויך אנאָרדנען אין משך פון וואך א גאנצע רייה אויפקלערונגס-פערזאמלונגען וועגען די אקטועלע קאנגרעס-פראבלעמען און בעזונדערס וועגען די פראגען פון דער פערברייטערטער יודישער אגענ'ץ.

„וואס פערלאנגען מיר פון 16. ציונ. קאנגרעס?"

מארגען מיטוואך 8.30 אווענד קומט פאר אין זאל „קאלאסעאום" (זאכאדניא 53) א גרויסער ציוניסטישער פאלקס-מיטינג אויף דער אויבענדערמאהנטער טעמא, מיט דער בעטייליגונג פון מיטגליד פון ציונ. אקצ. קאמיטעט דעפ. יצחק גרינבוים, דעפ. מ. א. הארטגלאס און רעד. א. גאלדבערג (ווארשא).

צוליב דער אקטועליטעט פון די קאנגרעס-וואהלען האט דער מיטינג ארויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג אין אונזער שטאט.

שטראף פאר עובר זיין דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאג

(§) דאס ארבייטס-געריכט האט פערמשפט דעם בעקערי-אייגענטימער יצחק בושעזשינסקי אויף 100 זל. שטראף אדער 10 טאג ארעסט פאר בעשעפטיגען זיינע ארבייטער העכער 8 שעה אין טאג.

נאדזארען.

(ט) אויף דער לעצטער זיצונג פון האנדעלס-געריכט איז בעטראכט געווארען די בוטע פון נפתלי ראזענצווייג, אז מען זאל אוהם בעשטימען א נאדזור. ראזענצווייג האט א געשעפט פון זיידענע צייג אויף ציגעל גאס 33. די בוטע איז נאך אפגעגעבען געווארען דעם 23 מאי. דאס געריכט האט דאן אראפגעשיקט א עקספערט אין דער פירמע, וועלכער האט אפגעגעבען א זעהר גינסטיגע מיינונג וועגען דער לאגע פון געשעפט. דאס געריכט איז נאכגעקומען ראזענצווייגס בוטע און בעשטימט איבער אוהם א נאדזור.

— אויף דער זעלבער סעסיע איז אויך בעטראכט געווארען די בוטע פון וואלף ציוק, א פאבריקאנט פון האלב-וואלענע שטאפען, אויף שעניקעוויטשא 6. די בוטע איז אפגעגעבען געווארען דעם 24 מאי. נאך דער איבערהערונג פונ'ם געריכטס-עקספערט, איז דאס געריכט נאכגעקומען די בוטע און בעשטימט א נאדזור איבער דעם פעטענט.

— דעמזעלבען טאג האט דאס האנדעלס-געריכט אויך בעטראכט די בוטע פון דער פירמע ע. ליבמאן, וועלכער האט א גארדינען-פאבריק אויף פעטריקאווער 112. דאס געריכט האט אנערקענט די בוטע און אלס קוראטאר בעשטימט דעם אדוו. קאלעצקי.

נאכט-דיושורען אין די אפטייקען.

היינט דיושורירען פאלגענדע אפטייקען: א.מאניעוויטש, פאביאניצער 50; לאנדוינסקי, פעטריקאווער 164; סאלאלעוויטש, פושעיאזד 19; עמפיעלינסקי, אנדרושעווא 26; זונדלעוויטש, פעטריקאווער 25; קאספערקעוויטש, זגערזשער 54; טרעלאוסקא, בזשעזשינער 56.

ווי אזוי א קאמוניסט פון פראסקוראוו גט זיין פרוי אין לאדז

טשעכאווער גט-בריף פון ראטען-רוסלאנד צום לאדזער ראבינאט

(:) אין לאדז האט מיט 9 יאהר צוריק חתונה געהאט א געוועזענער יחזקאל קאפלאוויטש מיט א קינסקער יורוש מיידעל. אבער ס'האט נארנישט לאנג געדויערט און דאס ליבע-גליק איז צעריסען געווארען, קאפלאוויטש איז אין א געוויסען טאג פערשוואונדען געווארען, ווי אין וואסער אריין, און צוזאמען מיט אהם זיין שוואגער'ס ברודער מיט דער גאנצער פערמעגען פון דער פרוי.

דאס יונגע ווייבעל איז ארומגעגאנגען אהן קאפ, נישט געוואוסט, ווי אזוי זיך צו העלפען, וואו צו זוכען אוהר מאן. פון אלעם איז זי געלאפען צו די רבנים אין אלע שטעט און שטעטלעך, איינגערופען קברים, געמאסטען פעלד, און פון אלעם האט זיך אבער אויסגעלאזט א טייך. לסוף איז די קינסקער עגונה אנגעקומען קיין לאדז. הרב סעגאל האט פערפיהרט וועגען דעם קאפלאוויטש א קארעספאנדענץ איבער פיל לענדער. ענדליך האט אנגען בריוועל געטראפען אין משוואר. דער פראסקוראווער רב האט נעמליך מיטגעטיילט אז אין פראסקוראוו (רוסלאנד) געפינט זיך א געוויסער ביוואלסקו, וועלכער האט זיך אנגעגעבען אלס דער שוואגער פון געזוכטען קאפלאוויטש. בוואלסקו האט צעוויסען געמען דעם פראסקאלער רב, אז קאפלאוויטש געפינט זיך אין פראסקוראוו, וואו ער פערנעמט א הויכען אמט אין דער קאמוניסטישער פארטיי.

הרב סעגאל האט זיך תיכף פערבונדען אין א ספעציעלער קארעספאנדענץ מיט'ן פראסקוראווער רב, וועלכער האט געפועל'ט ביי קאפלאוויטש'ן ער זאל אפ גט'ען זיין יונגע פרוי אין פוילען. נעכטען איז אנגעקומען קיין לאדז דער גט מיט אזא בריוועל:

„הער ראבינער, איך בין א רעוואלוציאנער, א חבר פון דער פארטיי, וועלכע פערארטיילט דעם קלער און זיין ארבייט צווישען די פינסטערע מאסען. איך האלט פאר אונגילטיג די צערעמאניע פון גט. מיין ווייב איז זי געווען אזוי לאנג, ווי איך האב זי געליבט. יעצט קען איך זיין פריי פון אוהר. איך שיק דעם גט נישט צוליב מיין אבערגלויבערישער בעציהונג צו דער אנטיסעמיטישע פון חתונה, איך פיהר אויס דערמיט א לעצטען הומאניטארען אקט, וואס מאכט א סוף צו מיין פערגאנגענהייט. אויב איך האב געהאלטען מיין געוועזענע פרוי געפאנגען אהן מיין וויסען, וויל איך זי זאל זיין א פרייער מענש."

—==—

צירקולאר פון אינערן-מיניסטער וועגען רעמאנטירען די הייזער

(§) לויט א צירקולאר פון אינערן-מיניסטער סקלאדקאווסקי צום לאדזער וואיעוואדען-אמט ווערען היי-יאהר בעפרייט פון רעמאנטירען די הייזער און הויפען פאלגענדע ווירטשאפטען: 1) אזעלכע, וואס האבען צוליב דעם שטרענגען ווינטער געמוזט דורכפיהרען אין זייערע הייזער רעפאראציעס, ווי למשל, פעררוכטען די רוירען פון דער וואסער-לייטונג, גאז און קאנאליזאציע, און 2) אזעלכע, וואס האבען שוין זיך געלאזט קאסטען גרעסערע סומען אויף רעמאנט אין די יאהרען 1926, 1927 און 1928. ווייטער ווערט געזאגט אין צירקולאר, אז ברוקירט וועלען מוזען ווערען נאר די טראטואר, וואס ווערען ווירקליך בענוצט צום הויף. אבער די פלעצער וואס זענען בעשטימט צום פערקויף דארפען נישט ברוקירט ווערען. געפוגוועטע הייזער דארפען נישט ווערען איבערגעמאלט. אין נויטיגען פאל דארף מען נאר אויפפרישען די פאסאדע.

איז אמעריקא א גן-עדן פאר פרויען? מאן זאגט — יא, פרוי זאגט — ניין!

א פריינדליכע דעבאטע צווישען מאן און ווייב, ביידע שריפטשטעלער, וועגען דער מערכה וואס פרויען האבען אין אמעריקא.

לאה שעליב שרייבט אין ניו-יארקער „טאג": אז אמעריקא איז א וואויל ערטעל וואו צו לעבען אין פערגלייך מיט אנדערע לענדער, דאס איז א בעוואוסטע זאך. עס פערשטעהט זיך, אז מיר רעדען דא וועגען מאטעריעלע זאכען. ווייל דאס וואס איז שייך גייסטיגע אנגעלעגענהייטען, וועגען זיי עס זענען פאראן א סך מיינונגס-פערשידענהייטען. פיל וועלען אייך פערזיכערן, אז אין פעראראמטען רוסלאנד, וואו מען לייזט אפטמאל הונגער און קעלט, אז דארט פיהלט זיך דער מענש בעסער ווי אין זאטען און צופרידענעם אמעריקא.

נאר עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז אין אמעריקא לעבט זיך בעסער ווי אין אלע אנדערע לענדער. אבער וואס הייסט בעסער לעבען? וואס הייסט זיין צופרידען? אט וועגען דעם זענען פאראן א סך מיינונגען.

אין ענגלישען זשורנאל „פומארעל רעוויו" זענען אפגעדרוקט צוויי ארטיקלען פון א מאן און זיין פרוי, מר. און מרס. סינקלער לואיס. ביידע זענען זיי בערוהמטע אמעריקאנער און מען רעכנט זיך מיט זייער מיינונג. די פראגע וואס זיי בעהאנדלען איז, צי איז אמעריקא א גן עדן פאר דער פרוי אדער נישט און דער מאן דענקט, אז יא. דא לעבט זיך די פרוי פיל בעסער ווי אין וועלכען אנדערען לאנד. אבער פריהער פאר אלין מוז פעסטגעשטעלט ווערען: וואס מען רופט אן זיין צופרידען, גליקליך, וואס עס מיינט צו זאגען, אז דא אדער דארט איז א גן עדן פאר דער פרוי אדער א גיהנום.

אין כינא, למשל, לעבט זיך דער פרוי גאנץ גוט, דערמאן זארגט פאר אוהר, ער טוט אלין אין דער וועלט, אז זיין פרוי און די קינדער זאלען זיך פיהלען גוט און צופרידען. איז אבער די כינעזישע פרוי גליקליך? דאס וועט קיינער נישט זאגען, זי איז ווייט פון זיין גליקליך.

וואס פעהלט דער כינעזישער פרוי, אז זי זאל זיין גליקליך? עס פעהלט אוהר דער הויפט עלעמענט און דאס איז פרייהייט, די רעכט צו נעהמען זיך פאר דאס וואס אוהר געפעלט.

ווען אוהר געפעלט עמיצען און זאגט אוהם: איך וועל דיך בעזארגען מיט אלין וואס דיר געפעלט, וועסט האבען פייגעל מולך, נאר די טארסט נישט טון קיין זאך אהן מיין ערלויבניש, מוזט פרעגען ביי מיר וואו צו געהן, וואס צו טון. פרעגט זיך: קאן דער דאזיגער מענש זיין צופרידען? זיכער נישט, ער וועט אויסקלייבען, אז ער זאל בלייבען אהן מיטלען צום לעבען, אז ער זאל אויסגעהן פאר הונגער און קעלט, אבי ער זאל קאנען טון דאס וואס אוהם געפעלט.

און פון דעם ארויסגעהענדיג, זאגט סינקלער לואיס, דער פערפאסער פון „מיין סטריט" און „בעבוט", אז די פרוי איז אין אמעריקא גליקליך, אז זי האט דא דעם אמת'ען גן-עדן, ווייל זי האט דערגרייכט יענע שטופע פון פרייהייט, ווען זי קאן טון וואס אוהר הארץ געלוסט. וואס א יאהר ווייטער אלין מעהר קאן זי אויסערוועהלען אוהר פראפעסיע. זי קאן נעמען אנ'אנטייל אין פאליטיק, זי קאן האנדלען, זי קאן ווערען א דאקטאר און א סך אנדערע פראפעסיעס קאן זי טון. דאס איז דער גרעסטער גליק פאר א מענשען, ווייל די פרוי וואס איז געווען פערשפארט אין הויז, איז נישט געווען גליקליך. זי האט אפשר נישט געוואוסט, אז אוהר פעהלט עפעס, אבער זי האט שטענדיג געבענקט נאך פרייהייט.

ע סאוז אין דעם אינסטינקט פון דער פרוי, זי זאל קאנען געהן פון איין ארט אויפ'ן אנדערן, זי איז פון דער נאטור קעגען דעם, אז מען זאל אוהר האלטען פערשפארט אויף איין פלאץ. אט נעהמט די געשיכטע מיט אדמ'ן און חוה'ן, — איז דאס נישט כאראקטעריסטיש פאר דער פרוי אין אלגעמיין? דאכט זיך, וואס האט געפעהלט אונזער מוטער חוה זי האט געהאט פון אלראס גוטס, האט נישט בעדארפט טון קיין זאך, נישט אנשטרענגען זיך אויף דאס מינדסטע, און דאך האט זי זיך געווינטשען אינטשעניה'ן מיט דער שלאנג. עס האט אוהר געצויגען אין דער וועלט אריין, זעהן, וויסען וואס עס געהט אן הינטער די ווענט פון דעם גן עדן, און דער הינזיכט איז זי געווען א סך מעהר רעוואלוציאנער ווי עס איז געווען אדם. ער האט נישט אנגעפאנגען טראכטען פון אנדערע זאכען ווי נאר וועגען עסען, טרינקען און לעבען רוהיג.

און קומט זיך צו צום לעבען, זעהט ווי שנעל די פרוי איז אוועק אויפ'ן וועג פון פראגרעס. קוקט זיך צו צו דעם ארט וואס די פרוי פערנעהמט אין קאנגרעס, אין זי אין דער ראלע פון אנ'אדמיניסטראטארין, איז זי צווישען די בעסטע. ווער שפילט אזא גרויסע ראלע אין פערפאלגען יענע ווערטער וואס היטען נישט אויס דעם געזעץ וועגען טרינקען דעם בוטערען טראפען? דאס איז א פרוי. אוהר קאנט זיך טאקע זיין אין כעס אויף מיס ווילעבראנט, אוהר מעגט אוהר פערדאמען פאר אוהר שטרענגקייט. אבער זעהט וואס פאר א מאכט זי האט אין אוהרע הענד און ווי זי נוצט עס אויס.

ע סאוז זיכער, אז צווישען דעם ארבייטער קלאס וועט אוהר געפינען א סך וואס זענען צוריקגעשטאנען, אבער דאס צייגט נאר, אז די פרוי קאן נישט אויסנוצען אוהר לאגע. ווען זי וויל, קאן זי געהן ארבייטען, אויב זי וויל נישט האט זי דאס רעכט צו שטארבען פאר הונגער. אבער דאס איז אויך רעכט. זי האט א פרייען אויסוואהל און דאס מיינט א סך אין דעם היינטיגען לעבען און טאקע דערפאר לעבט די פרוי דא אין לאנד ווי אין א גן עדן.

מרס. סינקלער לואיס (דאראטי טהאמפסאן) זאגט, אז אמעריקא איז גאר נישט קיין גן עדן פאר דער פרוי און אט פאר וואס:

עס איז אמת, אז די היגע פרוי האט מעהר פרייהייט, איז מעהר טעטיג ווי די אייראפעאישע פרוי. דאס איז גאנץ ריכטיג. אבער איז דאס אלעס וואס גיט גליק דער פרוי? זי בלייבט נישט.

און מרס. לואיס אילוסטרירט איהר געדאנק מיט דעם דאזיגען פאקט. זי האט זי דא בעקענט מיט א דאמע, די פרוי פון א קאלעדזש פראפעסאר, וועלכער איז געקומען אהער פון וויען, עסטרייך. דאס איז א שעהנע, יונגע און זעהר געבילדעטע דאמע און זי האט אויסגעדריקט אוהר געדאנק וועגען דער אמעריקאנער פרוי אויפ'ן פאלגענדען אופן:

ע סאוז ריכטיג, אז דא איז די פרוי ענערגיש, אז זי לויפט, אפילו זיך און איז שטענדיג פערטראגען, אז זי קאן טון א סך זאכען וואס די אייראפעאישע פרוי טוט נישט, אבער איין זאך ווארפט זיך אין די אויגען און דאס איז, די אמעריקאנער פרוי איז נישט גליקליך. עפעס פעהלט איהר, אז זי איז תמיד טרויעריג, אז עס איז פערהאן אין זאוהר נשמה א בענקשאפט.

און די צרה איז, דענקט די דאזיגע דאמע, וואס די אמעריקאנער פרוי האט נישט קיין פעסטען באדען אונטער אוהרע פיס. די אייראפעאישע פרוי וועט זיך נישט יאגען נאך די אלע זאכען צו וועלכע עס לאפען זיך די אמעריקאנערינס. פאר וואס? ווייל די אייראפעאישע פרוי זוכט אוהר פעסטען באדען אין אוהר הויז און אוהר היים.

דער פראפעסאר וואס איז געווען בם דעם געשפרעך, האט גוט איינגעשטימט מיט זיין פרוי און ער האט מיך פערזיכערט, אז ער בעוואונדערט די אמעריקאנער היים, דא האט די פרוי אלעס, זי איז זעהר און זעהר צופרידען, דענקט ער.

„אבער, אז מיר, אייראפעאישע פרויען, ווילען דעם דאזיגען גליק נישט. מיר זענען צופרידען מיט אונזער שטילען לעבען און דאס וואס עס האט צו טון מיט'ן געזעלשאפטליכען לעבען איז נים ריכטיג, אז די אייראפעאישע פרוי איז נישט טעטיג, אט נעמט למשל, אזעלכע נעמען ווי לידי אסטאר אין ענגלאנד, פרוי באומער אין דייטשלאנד, מאדאם קאלאנטאי אין רוסלאנד און פיל אנדערע, אוהר האט אויך אין אייראפא מייטיגע פרויען אויף אלע געביטען. די זאך איז נאר, וואס די אייראפעאישע פרוי הערט נישט אויף צו זיין די גראציעזע דאמע, וואס גיט צו דער געזעלשאפט אזא פיינקייט און רייץ, זי האלט אויף אוהר חן אין דער צייט, וואס די אמעריקאנער פרוי פערלירט אוהר פרויליכקייט זי ווערט צו פערהארטעוועט.

„אויסער דעם איז דאס נישט ריכטיג אז אלע אמעריקאנער פרויען זענען

(ענדע זייט 6)

בלוטיגער מארד אין א טאנץ-זאל

קאוואלערן שלאגן זיך איבער א דאמע און איינער פון זיי פאלט א טויטער אויף דער ערד

(§) אין א טאנץ-זאל אויף סמאָגאָווא 28 האָט זיך נעכטען אפגעשפּילט א בלוטיגע דראמע, וואס האט געקאסט דאס לעבען פון א קרימינאליסטן יונגערמאן. דער דאָזיגער טאנץ-זאל האָט שוין פון לאנג א שם אל פּאנ'ארט, וואו ס'קומט צו בלוטיגע אוואנטורעס צווישען די טאנצענדע קאוואלירן. אמאל ברעכט אוים א מחלוקה איבער א דאמע, וואס איינער וויל אפשלאגען ביים צווייטען. אנ'אנדערש מאל גלאצט זיך צוליב א בעליידיגונג און איבער דער גאס האבען זיך זעהר אפט געטראגען די געהאלדערן און געשרייען פון די צומזיק'טע און צובלוטיגטע.

זונטאג אווענד, האָט אין זאל האבען זיך געפונען א פּאר צענדליג טאנצענדע פּארלעך און ווידער אויסגעבראכען אזא מחלוקה צווישען א פּאר קאוואלירן מיט איינעם א געוויסען אָלטשאק, אני אין-און-צוואנציג יעהריגער יונג פון בושעזשינער 98.

אלטשאק האט געטאנצט מיט א דאמע, א פּאר חברה-לייט האבען אויף דער דאמע געווארפען אנ'אויג און זיי האבען געוואלט, אז זי זאל טאנצען מיט זיי. עס האט זיך אנגעהויבען א געשלעג און דער ווירט פונ'ם זאל האט אלע אוואנטורניקעס משלח געווען אויף דער גאס ארוים. דא האט זיך ערשט אנגעהויבען דאס אמת'ע געשלעג. שנצים האבען זיך צוגעכאפּט צו אלטשאק'ן און אוהם מכבד געווען מיט א פּאר מעסער אין די זייטען און אין קאפּ. א פערבלוטיגטער איז אלטשאק אנידערגעפאלען אויף דער ערד און אנגעהויבען צו גוסס'ן.

ווען די פּאליציי איז געקומען, האט זי שוין קיינעם פון די אוואנטורניקעס נוט געטראָפען. נאך בלויז דעם צובלוטיגטען און צוממית'טען אלטשאק, וועלכער האט ארויסגעוויזען גאנץ שוואכע סמנים פון לעבען. דעם שווער-פערוואונדעטען האט מען אויף זיין אייגענעם פערלאנג אפגעפיהרט אהיים, וואו ער איז אין א שעה ארום געשטארבען.

אלע מערדער זענען שפּעטער ארעסטירט געווארען.

8-יעהריג קינד איבערגעפאהרען פון דער באהן

(§) דער באהן-צוג הינטער זגערזש האט נעכטען ארום 12 בייטאג, פאהרענדיג פון ווארשא קיין לאדז איבערגעפאהרען די 3-יעהריגע אניעלא יוזשוויאק, א פויער'ס א טאכטערל.

רינג-קאמפּען טורניר אין צירק

דעם 24. טאג פון די רינג-קאמפּען טורניר איז געווען א העכסט-אינטערעסאנטער. די ערשטע האבען געקעמפט דער ליבלינג פון יודישען פּובליקום פּאשאף מיט דום פעטראוויטש. דער קאמף איז געווען זעהר אינטערעסאנטער צוליב דער גוטער טעכניק פון ביידע קעמפער. פּאשאף איז איינגע מאל נוט דורך פעטראוויטש'ן געהאלטען געווארען און א דאפּעלטען נעלסאן, וועלכען ער האט מייסטרס צורוקגעשלאגען. און דער קאמף האט זיך געענדיגט מיט רעמי.

ווינגדרא האט בעזיגט קראוס'ן אין דער 11 מינוט, דורך אנ'ארובערוואורף איבער'ן אקסעל.

דער דעציזירענדער קאמף שטובאר — שמעקער, וועלכער איז אויך געווען א עלימינאציאנס-קאמף האט זיך פערצויגען 39 מינוט, און דער צייט האט שטובאר שטעקער'ן געלעגט. די רובינער האבען אבער דעם זיג ניט אנערקענט, וויל שטעקער איז טייל'ווייז געלעגען אויסער דעם דיוואן, מיט די פיס איבער די בארירע. שטובאר האט דעם קאמף בעטראכט פאר פערענדיגט און האט נישט געוואלט ווייטער קעמפען. ער איז אבער איינגע מאל דורך דעם רעפערי אויפגעפאדערט געווארען ווייטער צו קעמפען, און ער איז געווען געצוואונגען צורוק אויפצונעמען דעם קאמף. ער האט דערובער געקעמפט זעהר נערוועז, און דאס איז געווען די סבה, וואס ער איז דורך שטעקער'ן אין דער 40 מינוט, דורך א פּאראדע פון א פּאדער-פאס בעזיגט געוואָרען. מאראלישער זיגער איז שטובאר.

דער לעצטער דעציזירענדער קאמף שביטאווסקי — קעלער, האט זיך פערענדיגט מיט א נצחון פון קעהלער'ן אין דער 16. מינוט דורך א פּאדער-פאס גריף.

שכור'ער סערזשאנט ווארפט א גראנאט

זיין פרוי און קינד ווערען שטערבליך פערוואונדעט

(§) אין מאמאטשאוו האט נעכטען פּאסירט א שוידערליך אונגליק, וואס האט ארויסגערופען א געוואלדיגען רושם אין שטאט און אין דער גאנצער אומגעגענד.

אויף יעזשעדסקא גאס 25 אין מאמאטשאוו געפינט זיך א רעסטאראן. זונטאג בייטאג האט זיך די דאזיגע רעסטאראציע ממש געשאקעלט פון פרעדרינקט, וואס דער בראנפען האט ארויסגעטראָפען ביי די צאהלרייכע געסט. אין דעם רעסטאראן איז אויך געקומען דער סערזשאנט וולאדיסלאוו ביערנאצקי מיט זיין פרוי און 7-יעהריג יונגעלע. ווי עס פּאסט אויף א חגא-טאג, האט ביערנאצקי באלד ארונטערגעכאפּט א פּאר כוסות און איז געווען אין א זעהר גוטען הומאר, וויילענדיג זיין פרוי און זוהנדעל.

אין א געוויסען מאמענט איז צו ביערנאצקי'ס טישעל צוגעקומען זיינער א בעקאנטער. ביידע האבען זיך געווינשעלט און תוך כדי דבור האט דער סערזשאנט פון הלצה-וועגען געזאגט זיין ידיד, אז ער וועט ווארפען א גראנאט אין דער אנוועזענהייט פון אלע פּרעח-ליבע געסט, און דער גראנאט וועט זיין אזוי וואונדערפול, אז ער וועט נישט עקספּלאדירען. אומר ועשה. ער האט ארויסגענומען פון טאש א שארפען פראנצויזישען גראנאט, ארויסגעצויגען דאס קנויפעל און מיט אומפעט א ווארף געטאן דעם גראנאט. מאמענטאל האט דער גראנאט געפּלאצט. א שמיק גראנאט האט שווער פערוואונדעט דעם סערזשאנט'ס פרוי און זיין קינד, וואס איז תיכף אפגעפיהרט געווארען אין שפּיטאל ארין מיט שטערבליכע וואונדען. פון דעם אויסגעשאסענעם גראנאט איז דעמאלדט צושטערט געווארען דער גאנצער רעסטאראציע-לאקאל.

זעהענדיג ס'ארע שר'ויש שביקאל ער האט אפגעטאן, איז דער סערזשאנט ארויסגעלאפען העגדום-פעגדום פון דעם רעסטאראן בעהאלטענדיג זיך אין די נאהענטסטע קאשארען, וואו ער האט מיט א ביקס זיך געוואלט דערשיסען. דעם פרוב צו בעגעהן זעלבסטמארד האבען גראד בעמערקט די מיליטער-לייט, וועלכע האבען אוהם בגוואלד צוגענומען די ביקס.

אויפ'ן ארט פון דער פאסירונג איז באלד אנגעקומען פּאליציי, וועלכע האט ביערנאצקי'ן ארעסטירט.

צונאב-פאטענטען פאר אפטייק-געשעפטען

(§) די לאדזשער פינאנץ-קאמער האט דערהאלטען א צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום, לויט וועלכע פערנעמען זיך מיט פאבען קלושעס און קאפּירען פּאטאגראפּיעס, מוזען דערויף האבען ספּעציעלע פאטענטען.

שווארצע ליסטע פון סוחרים

אין דער קאלאניאל-בראנזשע

(:) זונטאג אווענד א.ז. אין קאלאניאל-פעראיין, ציגעל גאס 15 פארגעקומען אנ'אלגעמיינע מיטגלידער-פערזאמלונג, נעהנדעמענט דער שווערער לאגע פון די קאלאניאל-געשעלבער און טייבות מיט'ן אומזאץ-שטייער און דער בראליע פון הענדעל - פראמעס מען.

נאך א לעבעדיגער פּלוצבער דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו אקצעפּטירען די שטעלונג פון דער פערוואלטונג הענגען ארויסטרעטען מיט דער פאדערונג חגגען איינפיהרען „רעשטשאלט" פון אומזאץ-שטייער, און אויך איינפיהרען א שווארצע ליסטע פון די קונים. וועלכע לאזען נעהן צום פּראטעסט זייערע וועקסלען.

זעלבסטמארד פון א יודישען שילער

צוליב א שלעכטע צענזורע

(:) צו דער בראנזע וועגען אונגליקס פאלען און זעלבסטמארדען צווישען עלטערע מענשען, רעזיגנירטע סוחרים, פערצווייפעלטע פערליבטע, — האבען מיר איצט צוצוגעבען א זעלבסטמארד צוליב א אונגליקליכע „צענזורע".

נעכטען פארנאכט איז דער 17-יעהריגער יעקב רוזענבערג (פּאלודניעווא 42) א שילער פון 2-טען קורס אין דער מליצה'שער מעטסמיל-שולע אין לאדז, אהיימגעקומען א פערצווייפעלטער, דער צעהלענדיג זיין מוטער, אז עפּעס דאכט זיך אוהם, דאס די שול-דירעקציע האט פאר זיינעמטעגען צוגעשיקט א שלעכטע צענזורע. די מוטער האט אוהם צוגערעדט, ער זאל צו ווארטען ביז צו מארגען (ד.ה. היינט, דינסטאג) און זיך דערווייסען דעם אמת. דער בחור איז צוגעפאלען צו דער מוטער מיט תחנונים, זי זאל זיין אוועקגיין אין דער שיל ארטין זיך דערוויסען, צו ער איז ארויסגעקומען אויפ'ן דריטען קורס. די מוטער האט צוליב געטאן דעם פערצווייפעלטען זוהן: און איז אוועק אין דער שולע קיין בלטבגער. אלון מיט זיין יונגערן ברודער, האט יעקב רוזענבערג אידם א נבער א תירוץ ארויסגעשיקט פון שטוב. זיך פערשלאסען פון אינווייניג און זיך אויפגעהאנגען אין שלאף-צימער אויף א מאפּעלטער שפאגאט. ווען דאס אהיימגעקומענער יונגעל איז צורוקגעקומען, האט ער געטראפען א פערשלאסענע טיר. נישט האבענדיג קיין שום פערדאכט, האט ער געראכענט, אז דער ברודער איז מן-הסתם ערגעץ-וואו ארויסגעגאנגען. ס'האט אבער נוט לאנג געדויערט, און צורוקגעקומען די פרוי רוזענבערג. דאס יונגעל האט איהר דערצעהלט, אז יעקב האט אוהם אוועק געשיקט, און אז ער איז צורוקגעקומען, איז די טיר געווען פערשלאסען. די מוטער האט פערגעפיהלט דאס גרויזאמע אומגליק. זי האט נעגומען קלאפּען אין דער טיר און געלעצטעט ספּאזמירען. פּאליציי האט אויפגעבראכען די טיר און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען דעם גרויליגען פּאקט פון דעם 17-יעהריגען רוזענבערג'ס זעלבסטמארד.

אויפ'ן טיש האט דער יונגער זעלבסטמערדער איבערגעלאזט א בריוועל, געשריבען צו זיין יונגערן ברודער. אין דעם בריוועל ווערט געזאגט, אז זיין טראגישען שריט בעגעהט ער צוליב דעם, וואס ער איז איבערגעבליבען אויפ'ן צווייטען קורס דאס אנדערע יאהר. דאס איז פאר אוהם א שאנדע, וואס ער האט נישט געקענט איבערלעבען. געגען געענדיג זיך מיט'ן יונגערן ברודער, ווינשט ער אוהם, ער זאל זיך בעסער לערנען.

„חסד של אמת" האט געמאכט בעמיהונגען, אז דער יונגער זעלבסטמערדער זאל נישט געפּאלטעסט ווערען.

נייע פערוואלטונג אין „לאקאטאר"

(ב) זונטאג איז אין לאקאל פון די האנדעלס-אנגעשטעלטע פאראייניגונג א אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאקאטארען פעראיין „לאקאטאר".

די פערזאמלונג האט געעפנעט ד"ר מיערזשינסקי. וועלכער האט אפגעגעבען א בעריכט וועגען דער בוי-אקציע פון „לאקאטאר" און וועגען די בעמיהונגען ביי די רעגירונג צו בעקומען ווייטערדיגע הלוואה אויף בויען הבית.

נאך די רעכטפערטיגען אויף דער דיסקוסיע איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג.

אויטא-קאטאסטראפע אין זגערזש

5 פערזאן פערוואונדעט

(וו) זונטאג 7 פריה איז אין זגערזש פארגעקומען אנ'אויטא - קאטאסטראפע. אנ'אויטאבוס האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט א קויהלען-פוהר. דער רעזולטאט איז געווען א שרעקליכער. דער אויטא און די פוהר זענען צושמעטערט אויף שטוקער, 4 פּאסאזשירען און דער שאפער פון אויטא זענען פערוואונדעט געווארען.

צי ברענגט א שטרייק צום אויפלעזען פון אפמאך?

(:) די פראגע, צי א שטרייק א.ז א פאבריק איז גורם צו אנ'אויפהעבען פון אפמאך צווישען אונטערנעמער און די ארבייטער, איז לעצטענס געווען אין לאדזשער ארבייטס - געריכט דער געגענשטאנד פון א ספּעציעלער זיצונג. דאס לאדזשער געריכט האט געאורטיילט, אז מימ'ן אויסברוך פון א שטרייק, ווערט דער אפמאך נישט איבערגעריסען, אויב דער שטרייק איז פאראויס אנגעזאגט געווארען. די דאזיגע פראגע האט אנגעשטעלט צום העכסטען געריכט, וועלכער האט צו דער פראגע אנגענומען אנ אנדער שטעלונג. אין דער אורטייל פון העכסטען געריכט א.ז זעהר וויכטיג, וויל ער איז א מוסטער פאר אלע געריכטען, וועלכע האבען צו ענטשיידען אזעלכע ענינים.

דאס העכסטע געריכט האט פעסטגעשטעלט, אז נישט יעדעם מאכענהאפטע איבעררייסען די ארבייט דורך די ארבייטער אלען ברענגט צום איבעררייסען דעם אפמאך צוליב זייער שולד; א שטרייק קען ווערען בערעכטיגט אפילו אהן א פאָרהערדיגען אנזאג, אויב עס זענען צו דעם וויכטיגע סבות, צ. ב. דאס נישט אפהיטען דעם אפמאך דורכ'ן ארבייטס-געבער אדער דורך אנ'אנדערע עולה פאר'ן ארבייטער. אויב עס זענען נישטא קיין וויכטיגע סבות צום אנהויבען א שטרייק, דאן איז דאס אנזאגען פונ'ם שטרייק נוט קיין בערעכטיגונג אין טערמינען א שטרייק, ווייל עס איז אינדערלאזבאר צו פערלאנגען, אז נאך אינ ער זאל האבען די פליכט אפצוהיטען די תנאים פונ'ם אפמאך. דער ארבייטס-געבער קען בעטראכטען דעם אפמאך פאר איבערגעריסען נאר אויף דעם לעצטען פאל, און צוליב דעם קען דער אונטערנעמער זיך פיהלען פאר בעפרייט פון זיינע פליכטען, און דאס נאר דעמאלט, אויב דער שטרייק האט אוהם געבראכט מאטעריעלען היזק.

די דאזיגע לעצטע בעשטימונג האט אבער נישט קיין גענוג פראקטישע בעדייטונג, ווייל דער אונטערנעמער וועט כמעט שטענדיג נישט קענען בעווייזען, אז ער האט צוליב'ן שטרייק געהאט מאטעריעלען שאדען. דער פסק-דין איז נאך א שארפער התראה געגען ארויסרופען שטרייקען, וואס זענען נישט בעגרונדעט אויף דער נויטווענדיגקייט און בערעכטיגקייט.

אמיליאן דאלאר

שפּאנענדער ראמאן פון היינטיגער צייט

(20-טע פארטזעצונג)

דער לעצטער טאג פון יאהר איז אויסגעפאלען מיטוואך. מען האט זיך, ווי געוועהנליך, פערזאמעלט אין הויז פון דער הערשאפט טיל, וואס האבען היינט אנגעגרייט פאר די געסט פערשידענע סורפריזען און אומגעריכטע זאכען. דער פערוויילונגס-מייסטער, וואס האט יענץ מאל געוויזען פערשידענע „טריקען" מיט שפּיל-קארטען, האט צוגעגרייט א נייע פּראגראם, וואס איז, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, גאנריסט אנדערש געווען, ווי דאס ערשטע.

דער הירט פון הויז האט פערהאלטען מאקסימען אין א ווינקעל פון סאלאן און מיט פריינד איהם איבערגעגעבען, אז זיין פאטער איז געווען איינער פון זיינע נאהנטסטע פריינט. די דאזיגע ידיעה האט נישט ארויסגערופען אויפ'ן גאסט דעם ערווארטעטען רושם. אויף די פריינדליכע, מיטפיהלענדיגע פראגען, האט ער געענטפערט גאנץ תפליך און קיין איין ווארט נישט, וואס זאל ענטפלעקען די בעציהונגען צווישען איהם און זיין פאטער.

די פרוי פון הויז, אנ'איינפערדיגע ספּיריטואליסטקע, איז געווען פערנומען מיט'ן הויסען איבערטראגען א רונדיגען טיש, ווייל דער גרעסטער טייל פון די הערען איז ארייננגעגאנגען אין בילארד-זאל, ווען דער האבען זיך געזעצט שפּילען קארטען. צווישען די פרויען-געסט, מיט וועלכע די ווירטין פון הויז האט זיך אמפערטסטען גע'חבר'ט, איז אויך געווען די פרוי בעל. די פרוי טיל האט אויסגעקליבען א גרופּע פון 8 צעהן געסט, דערונטער אויך מאקסים, אין זיך געזעצט צו א קליין טישעל. מיט וועלכע זי האט געוואלט מאכען ספּיריטואליסטישע פּרובען, ארויסרופענדיג גייסטער.

פרוי טיל האט בעקלאפּט עטליכע מאל אין טישעל ארייין. דאס האט געזאלט הייסען, אז מען פרעגט אן דעם געהיימען גייסט עפּעס א געוויסען ענין. דאס טישעל האט צוריקגעקלאפּט. דאס איז געווען דער ענטפער. פרוי טיל האט דאן ערקלערט, וואס דער „גייסט" ענטפערט. מען האט זיך אזוי-ארום דערוואוסט פערשידענע נייעס, אינטערעסאנטס וועגען דעם און יענעם. צום סוף האט מען אנגעפרעגט דעם גייסט וועגען טוים. פרוי טיל האט געקלאפּט מיט די פינגער איהר ספּיריטואליסטישען אלפאבעט און דער גייסט האט געענטפערט, אז צווישען פון די אנוועזענדע וועט שטארבען.

— ווען? — האט פרוי טיל געפרעגט.

— אין אנהויב יאהר! — האט זי אין נאמען פון גייסט, וועלכער האט געזאָלט בעוועגען דאס טישעל, געענטפערט.

דאס האט ארויסגערופען א פּאניקע-שרעק צווישען די אנוועזענדע.

דערויף האט מאדאם טיל אנגעפרעגט די פערזאמעלטע געסט, צי זי זאל פאָדערן פון גייסט, ער זאל זאגען דעם נאמען פון מענש, וואס דארפט שטארבען. די געזעלשאפט האט מסכים געווען, זי זאל פרעגען. מאדאם טיל, די פּארזיצענדערין, האט דאן יעדען געגעבען א נומער.

מאקסים האט בעקומען דעם נומער זיבען.

דערנאך האט די געזעלשאפט געוואַרט מיט גרויס שפּאנונג, דער גייסט זאל ענטפערן...

דאס פּיסעל פון טישעל האט זיבען מאל געקלאפּט... מאקסים האט געהאט דעם נומער זיבען...

פירטעל קאפּיטעל.

מאקסים איז ארויס פון שלאף-צימער, כדי ארומצושפּאצירן אין עס-צימער אויף פריהשטיק, אבער דא האט ער פּלוצלונג געטראָפען דריי פרעמדע מענער. איינער פון זיי, וועלכער האט, ווימט אויס, גערעדט אין נאמען פון אלע דריי, האט זיך ארויסגערוקט פאראוים און אנגעהויבען א רעדע אויף ענגליש; ער האט גערעדט שווער און געמאכט הפסקות, ווי ער וואלט דערביי נאכגעטראכט.

— מיר קומען דא א הער — האט ער געזאגט, אלס בעפולמעכטיגטע פארשטעהער פון דער צפון-פראנצויזישער אקציע-געזעלשאפט צו עקספּלואטירען אייזען-בערגלעך... מיר גלויבען, אז בלויז פון אט די ווערטער וועט איהר פערשטעהן, צו וואס מיר זענען געקומען, — דא איז ער ענטשולדיגען געווארען, ווארטענדיג מאקסים זאל ענטפערן.

— איך בעדויער זעהר, — האט ער געענטפערט, — אבער איך האב נישט די מינדסטע אהנונג, וואס אזוינס האט אייך געבראכט צו מיר.

— איהר האט עס מיט א צייט צוריק געקויפט א שטיק ערד, וואס געפינט זיך נעבען טאראסקאן, ביי די די גרויסע פירענעען?

— יא, אך. — האט מאקסים געענטפערט. קנייטשענדיג די ברעמען. חמ'ל ער האט פערגעפיהלט עפּעס א נישט-נייטיגע ידיעה פאר איהם.

— אייער ערד-בעזיץ גרעניצט זיך מיט דעם גרויסען פּלאץ פון אונזער געזעלשאפט. די לעצטענס אדורכגעפיהרטע גרינדליכע פארשונגען האבען געגעבען אנ'אונבערווארטעטען רעזולטאט. עס האט זיך, נעמליך, ארויסגעוויזען, אז דאס שטיק ערד, וואס געהערט צו אייך, ענטהאלט מעהר אייזען מאגנעציוס, ווי די ערד, וואס געהערט צו אונז, וועלכע ווערט שוין, וואס אנ'אמת איז, עקספּלואטירט איבער צוואנציג יאהר.

— ווער האט אדורכגעפיהרט די אויספארשונגען?

— עקספּערטען, פערשטעהט זיך.

— ווער האט זיי דערצו געגעבען דאס רעכט?

— די געזעלשאפט, וואס האט אנ'אויסנאמע צו געפונען ווייטערדיגע עקספּלואטאציע-באדען און פערגרעסערן די איינקונפט.

— ווי אזוי?.. אויף מיין באדען, אויף מיין אייגענטום?.. איך מיין, אז מען האט מיך פריהער געדארפט אנפרעגען, צי איך בין מסכים..

— מיר זעהען נישט איין, אז אייער אייגענטום-רעכט זאל מיט עפּעס אנגעריהרט ווערען. מיר קומען צו אייך, כדי אין נאמען פון דער געזעלשאפט, פון וועלכער מיר זענען מיטגלידער, צו מאכען א פארשלאג וועגען אנ'אפמאך, פון וועלכען איהר וועט א סך געניסען...

— עס ווענדט זיך...

— איהר האט געקויפט דאס שטיק ערד פאר 82.000 פראנק. אונזער געזעלשאפט ליגט אייך פאר, מען זאל אייער באדען פערבינדען מיט דעם שטח פון קאנצערן, און דערפאר בעקומט איהר א יעהרליכע רענטע פון 60.000 פראנק.

נאך דער דאזיגער ערקלערונג איז דער גאסט שטיל געווארען.

מאקסים האט זיך אומגעדרעהט אויף זיין מאטעל.

— נארען מיך מיינע אויערן? — האט ער געפרעגט. — צום סוף יאהר דארף איך בעקומען דריי מאל אזוי פיל, וויפיל דער באדען האט מיך געקאסט?

— יא, צום סוף פון יעדען יאהר.

— די ווייטערדיגע יאהרען אינטערעסירען מיך נישט...

— רעדט נישט אזוי. עס איז זעהר מעגליך, אז איהר וועט נאכמען רענטע נאך גאנצע פופציג יאהר.

— ניין, דאס איז נישט מעגליך.

(פארטזעצונג קומט)

איז אמעריקא א גן-עדן פאר פרויען?

(ענדע פון זייט 4)

שוין אזוי פריי און גליקליך מיט זייער פרייהייט, אז זיי קאנען טון וואס זיי געפעלט. עס זענען נאך פערהאן שטאטען וואו ביז איצט קאן די פרוי גאר נישט פערנעהמען קיין ווילכטיגע ערטער. עס איז האר איהר נאר אפען דער שאפ, די ווערקשטעל, אבער דאס גיט איהר נאך קיין גליק.

„דער אידעאל פון יעדער פרוי איז צו האבען א גליקליכע היים. פעהלט איהר דער גלויבען, אז זי וועט אמאל האבען אזא היים, מאכט עס איהר פוילען שלעכט, זי איז אומגליקליך. פאליטיש, געזעלשאפטליכע מעטינגקייט איז מאקע א גוטע זאך, אבער דאס דארף געהן צוזאמען מיט א גוטער, גליקליכער היים, אהן דעם איז נישטא קיין גליק פאר קיינעם.

„פאר קיינעם, ווייל אויך דער מאן וואס איז מעטינג אויף אלע געביטען וויל האבען א היים. א רמז האבען זיין ווייניגער, זיינע בעקוועמליכקייטען, האט ער דאס נישט איז ער נישט צופרידען, איז ער נישט גליקליך".

און מרס. סינקלער לויזט פערזיכערט, אז זי קען פיל פון דעם סארט פרויען, וואס זענען מעטינג אויף א סך געביטען. זיי זענען עס יענע וואס דארפען דינגען אלס בעווייז, אז די אמעריקאנער פרוי איז גליקליך. און וואס צייגט זיך ארויס? זיי זענען נישט צופרידען. אין אינטימע געשפרעכען האלטען זיי זיך אין איין בעקלאגען, אז זיי זענען מיד. און נאך וואס בענקען די דאזיגע פרויען? ווען זיי שעהמען זיך נישט, זאגען זיי זיך מודה, אז דאס איז א היים, שטילקייט. זיי ווילען האבען קינדער, צערטליכקייטען, און די עקאנאמישע אומאפהענגיגקייט איז פאר זיי גארנישט ווערט.

און אויב איהר ווילט וויסען, צו די פרוי אין אמעריקא איז מאקע צופרידען, לעזט די בוכער וואס ווערען געשריבען פון פרויען און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז זיי מאלען א לעבען פון בענקעניש, פון שטענדיגער אומצופרידענקייט. פארוואס, ווייל די היים אין אמעריקא איז צושטערט. עס איז אין איהר נישטא קיין גליק. די וואס שאפט די היים-אטמאספערע, איז פערנומען מיט אנדערע זאכען. זי האט אמביציעס צו ווערען גרוס און ווילכטיג, אבער דער סוף איז, אז זי איז נישט צופרידען.

און וואס זעהען מיר, אז פרויען לעזען א סך; אז זיי זענען די וואס קויפען בוכער און זשורנאלען. אבער ווען איהר קוקט זיך גוטצו, דאן זעהט איהר אז עס איז נישט אזוי דער לעזען בוכער, עס איז נישט אזוי די לעקציעס און די אנדערע זאכען וואס מאכען דער פרוי צופרידען. עס איז די היימישע אטמאספערע. עס איז דער אפרוה פון דעם יאגען זיך נאך גליק, נאך קאריערעס און נאך זעלבסטשטענדיגקייט.

ניין, אמעריקא איז נישט קיין גן עדן פאר דער פרוי, איז די מיינונג פון פרוי סינקלער.

שווערע אורטיילען אין קאמוניסטישן פראצעס אין גראדנא

גראדנא (סב.) דאס קרייז-געריכט אין גראדנא האט נעכטען ארויסגעטראגען דעם אורטייל אין קאמוניסטישען פראצעס, אין וועלכען עס זענען געווען 69 בעשולדיגטע. איין אנגעקלאגטער איז בעשטראפט געווארען מיט 15 יאהר שווערע תפיסה, א צווייטער 12 יאהר, א דריטער 10, צוויי צו 8 יאהר, 7 צו 6 יאהר 9 צו 5 יאהר, 23 צו 4 יאהר און 10 צו קלענערע שטראפען. 16 פערזאן זענען בעפרייט געווארען.

Ogłoszenia Fuchs'a to mur

o który oprzeć się może najbardziej zachwiana firma; nie upadnie nigdy, skoro tylko się zwróci o radę reklamową do

Akwizycji ogłoszeń FUCHS'a

Piotrkowska 50, tel. 21-36

DYREKCJA **Gimnazjum Męskiego**
Towarzystwa Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów
w ŁODZI, Pomorska 46/48.
(פריהער אונטער די לייטונג פון ה' שווייצער ז"ל)
מאכט בעקאנט דאס די איינשרייבונגען פון שילער נעמט אן די קאנצעלאריע טעגליך פון 2—9 נאכ. איינטריט-עגזאמינעס אין אלע קלאסען מיט לעקציאן-סיסטעם דויערען נאך.

TAK JEST! MARKA FABR.
ZNISZCZONE i NIEMODNE **OBUWIE**
ORAZ INNE WYROBY SKÓRZANE ODNAWIAM i FARBUJĘ NA NAJMODNIEJSZE KOLORY TYLKO
BRAUNSA BARWNIKAMI
WILBRA

דערמיט ווערען געבעטען אלע קרעדיטארען פון דער פירמע
„JUNO" י. בריקמאן N. TUREL
פיעטריקאווער 44
צו קומען היינט דינסטאג, דעם 25 יוני, 9 א זייגער אוונט אין לאקאל פון דראגיסטען-פעראיין, פיעטריקאווער 69.

Głowno Nowy Otwock willa SUJKA
פענסיאנאט מארגענשטערן
שעהנע זוניגע צימערן אין מיטען סאסנאווע וואלד. פיינע כשר'ע קיך. גוטע בעדינונג. בעם.: צוליב היגיענע איז נויטיג מיטצוברענגען איינען בעטגעוואנט. — צו ווענדען זיך דירעקט אין פענסיאנאט. אין לאדז ערטיילט אויסקונפט מארגענשטערן: ווסכאדניא 68, וואוינונג 17. מעסיגע פרייזען!

לעטשניצער
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען און צאהן-ערצטליכער קאבינעט
17 נעווישער 17, טעל. 16-53.

ד"ר ראמאווסקי	גאז-, האלז, אויערן-קר. 10-1, 2-3, 6-7
ד"ר יוסטמאן	נערווען-קראנקהייטען פון 12
ד"ר רושאנער	הויט און גע-שלעכטס-קר. 10-11, און 1-2
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען 10-1, 2-5
ד"ר פאפיערני	פרויען- און געבורטס-הילף 1-12½, 5-6
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק	אויגען-קראנקהייטען 1-2, 7-8
ד"ר קאנטאר	כירורגישע קראנקהייטען 1-3, 4-…
ד"ר וויינבערג	אינערע, ספעצ. הערץ, לונגען 1-11, 6-7
ד"ר מאופעל	רענטגען 10-12, 4-6
צאהן-ארצט א. גראדזענסקי, צאהן-ארצט נ. ראזעס	צאהן- און מויל-קראנק. 8-9, 3-9

אינפעלליבע התקנה ... פאר דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
קווארץ-לאמפ, דיאטערמיע און עלעקטרא-פיזישע קאבינעט. ווויזיטען אין דער שטאט. עפען אויך זונטאג. — אלע ארט מעדיצינישע אנאליזען. — קורסען פאר שטאמלער.
איטמונגען נעגען שמארלאטינע.
ערצטליך-קאסמעטיש-קאבינעט
פרל. מ. מארקוס נעמט אן פון 5-7 אוונט.

אויספערקויף
אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט!!!
1.500 פאר דאמען-שיך
די נייעסטע פאסאנען פון בעסטען לעדער אין פרייז פון 10 ביז 50 זל. פאר א פאר.
Stelzner, Weber i S-ka
ul. Piotrkowska 141.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאנישע און נערוועז-קראנקהייטען.
קווארץ לאמפ-עלעקטרישער הייל-קאבינעט-קאסמעטיק
טעגליך פון 8 א זייגער ביז 9 אוונט
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג
בעזונדער ווארטע צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זלאטעס

ווען איהר ווילט וויסען,
ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן דאס לעבען פון אונזערע יודען אין פוילען, דארפט איהר לעזען
„דרייסיג דורות יודען אין פוילען"
פון גרשם באדער

אין גרשם באדער'ס „דרייסיג דורות יודען אין פוילען" ווערט אויף 511 גרויסע געדיכטגעדרוקטע אקטאוו-זייטען דערציילט אלסדינג, וואס עס איז פארגעקומען ביי די יודען אין פוילען, בשעת א צייט פון 8 יאהרהונדערטער פונ'ם ערשטען טאג וואס זיי זענען אהין אנגעקומען, ביז צום דורכפאל פונ'ם לעצטען פוילישען „מיאטעזש", ווי אזוי זיי האבען געלעבט און וואס זיי האבען געליטען, פון וואנען זיי זענען געקומען און די לעגענדען, וואס זענען מיט זייער לעבען פערבונדען. ווי אזוי עס זענען געווען איינגעארדענט זייערע קהלות און ווי עס האבען אויסגעזעהן זייערע פרנסות. וואס פאר א צורה זיי האבען געהאט אין גאס און ווי ס'האט אויסגעזעהן אין זייערע היימען, זייער פאליטישע לאגע און זייער גייסטיגע ענטוויקלונג, ביז פוילען איז געווארען א צענטער פונ'ם יודישען למוד, פון די גרעסטע פוסקים און מפלפלים, פון דער קבלה, … חסידות און השכלה. דער „ועד ארבע ארצות" וואס די פוילישע קעניגע האבען פון איהם געוואלט מאכען און וואס ער איז ווירקליך געווארען.

צום אינהאלט פון דעם בוך זענען צוגעגעבען 48 בילדער, וואס דער גרעסטער טייל איז נאך ביז היינט אין ערגיץ נישט פערעפענטליכט געווארען. דאביי איז כדאי צו וויסען, אז אזא בוך וואס זאל ארומנעמען דאס גאנצע עקאנאמישע און קולטורעלע לעבען פון די יודען אין פוילען, בשעת דרייסיג דורות, איז נאך איבערהויפט נישט פערהאן אין קיין שום שפראך.

– פרייז פונ'ם בוך געבונדען 3 דאלאר. –
אין א לוקסוס-אויסגאבע מיט פראכט-באנד פינף דאלאר.

ביבליאטעקען אין פוילען קריגען דאס בוך מיט 50 פראצענט ביליגער און זיי וועלען נאך אויסערדעם בעקומען אלס פרעמיע גרשם באדער'ס „אייביגע אמת'ן", וואס קאסט אליין צוויי דאלאר.

בעשטעלונגען צו אדרעסירען:
GERSHOM BADER
4011 Sea Gate Ave., Brooklyn
N. Y. U. S. A.

קנה חכמה קנה בינה ואל תט מאמרי פי
אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדראווע זאכען זאלסט דו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא
17 פיעטריקאווער 17
52 זאכאדניא 52
אז תלך לבטח דרכך
ווייל אין ביורא ביי ה' מאנעלא ווערט געוויסענהאפט ערלעדיגט און בעשריבען אלע סאנדראווע זאכען, ביטעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, קארנע און ציווילע אפעלאציעס, אדוואקאניעס אונטערציזיעס, ספעציאליסט פון שותפות-אסטען, איבערזעצונגען אין אלע שפראכען
מיט אכטונג
י. מאנעלא פיעטריקאווער 17
דורכגאנג זאכאדניא 52

א שטוב מיט א קוך מיט בעקוועמליכקייטען פון זעפארט איבערצוגעבען זאכאדניא 66, פראנט 8 שטאק ב. בראניאטאווסקי

אנאנסירט נאר אין „לאדזשער טאגעבלאט"

רויס פון דרוק:
1) הערשעלע — שבתאי־צבי טראקט (לידער) 2 זלאטים
דאס קלאסישע ווערק:
2) פרידריך שילער—ווילהעלם טעל (טעאטער-שטיק) יודיש: הערשעלע — 5 זלאטים.
צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

שרייבן שעהן און שנעל
גלערענט אויס דער בעריהמטער קאליגראף ל. בערמאן אין 1 לעקציעס. אויך ווערט געלערענט שרייבען גוט א יודישען בריף אפילו דעם, וואס קאן גארנישט. אין א חדש שוין צוזאמען מיט רעכנען. זאוואדזקא 19 פראנט 1 שטאק.

עלטסטער פעלדשער
מ. ראזענצווייג
ווסכאדניא 29
טעל. 48-79.
טעגליך ווערט געשטעלט פאקען מיט ציינישען דערויף.

שוין ערשינען!
א. אייזענשלאס
„דאס טויטע ווייב"
און אנדערע פאלקס-מעשה'לעך
פרייז 25 גר.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער. מיט אינפארמאציעס און בעשטעלונגען זיך צו ווענדען אין דער אייזענשלאס-ביבליאטעק, לאדז, פאלודניאוואַ 11, אין הויף, לינקע אפיצינע.

ליי-ביבליאטעק
א. נ. **א. אייזענשלאס**
פאלודניאווא 11, לינקע אפיצינע 3 שטאק.
די ליי-ביבליאטעק איז טעטיג טעגליך חוץ דינסטאג פון 6—9 אוונט, שבת פון 10—1 און 6—9 אוונט.

ווייכטיג פאר די, וואס פאהרען אויף אורלויב!
ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען? ווילט איהר האבען אנגענעהמע געזעלשאפט? פאהרט אויף אפרוה נאר אין בעוואוסטען
פענסיאנאט „WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice. Wila Misiaka obok Nowego Otwocka w lesie
גרויסע זוניגע צימערן, כשר'ע, היגיענישע קיך, שעהנע געגענד.
קאנקורענץ-פרייזען—30% ביליגער ווי איבעראל;
בעמערקונג: בעטגעוואנד איז נויטיג מיטצוברענגען.
צו ווענדען זיך דירעקט צו פרוי אפעל אין פענסיאנאט „ווויגאדא"
אין לאדז ערטיילט אויסקונפט: אפעל, זאוואדזקא 28, אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס, פארטער.
פאר יונגעלייט און ערהאלונגסבעדערפטיגע

אבאנאמענטס-פרייז: פאר א חודש אין לאדזש 5 זל. אין פראווינץ און אויסלאנד [illegible] 20 … 1.25 … דאלאר.
אנאנסען-פרייז: פאר א פעטיט-שורה [illegible]

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 18.